STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04481

DI INTERESEN FUN HAYNTIGE KLASSEN

Karl Kautsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערנפעלא „צוק.״ פ״ט.

ק. קאוטסקי.

די אינטערעסען פון די היינטיגע קלאססען.

איבערזעצט דורך ט.

ווילנא, תרס״ו.

דרוקעריי פון וויטפראיא און געברידער א.ב.

Книгоиздательство „ЦУКУНФТЪ‘

ДИ ИНТЕРЕСЕНЪ ФУНЪ ГАЙНТИГЕ КЛАССЕНЪ

т. е. классовые интересы.

Сочинение К. КАУТСКАГО, переводъ Т.

ВИЛЬНА.

Тип. «Вдова и бр. Роммъ.» Уголъ Духовскаго и Глухого пер, соб. д. № 1

Дозволено Цензурой 16 сентября 1905 г. Вильна.

ערקלעהרונג צו די פרעמדע ווערטער.

1) אינדוסטריעלער — וואס האט אשייכות מיט פאבריקאציאן און מלאכה.

2) אינדוסטריע — דער טהעטיגקייטס-צוויג, וואס בעשעפטיגט זיך מיט פאבריקאציאן און מלאכה.

3) קריזים — די שווערע צייט פאר מסחר און פאבריקאציאן, וואס קומט פאר רעגעלמעסיג פון צייט צו צייט.

4) ליבעראלען — פריידענקענדע מענשען וואס האלטען פון געוויסע הנהות און פערגרייגערונגען.

5) קאנסערוואטארען — מענשען, וואס האלטען פאר די אלטע סדרים, וואס ווילען ניט דערלאזען קיין שום נייעסען.

6) טעאריע — די לעהרע, די תורה פון וועלכער עס איז שטה, וואס שטרעבט איהר צו בעווייזען מיט לאגישע און פאקטישע ראיות, מיט שכל.

7) פעאדאליזמוס — די ארדנונג, וואס האט געהערשט אין מיטעל אלטער, ווען עס האט עקזיסטירט די פאנשציזנע און די קעניגליכע מאכט.

8) פראלעטאריאט — אקלאס מענשען, וואס האבען ניט קיין אייגענטום.

9) העקטאר — אפלאץ ערד, עפעס ווייניגער פון אדיעסיאטין (דיעסיאטין איז 2400 קלאפטער).

10) עקספלואטירען — אויסנוצען יענעמס כחות, יענעמ'ס פייהיגקייטען פאר די אייגענע טובה.

11) פאראזיט — א בעשעפענים, וואס לעבט ניט פון אייגענע מיה, נאר אויף א פרעמדען חשבון, למשל די פיאווקעס, פערשיערענע ווערימלאך אויף חיות און פלאנצונגען.

12) דעספאטיזמוס — די מאכט, וועלכע צווינגט מיט געוואלד מען זאל איהר פאלגען און וואס רעכענט זיך דאביי נור מיט דעם אייגענעם ווילען.

13) עראבערישע קאלאניאל פאליטיק — אזא בעגיין זיך פון די אייראפיאישע מלוכות אין די ווייטע לענדער, וואו זיי שטרעבען צו פערכאפען די ערד פון די ווילדע שבטים, אדער ווען איין מלוכה וויל אפנעמען די לאנד ביי די אנדערע. למשל, די פאליטיק פון די ענגלענדער מיט די בורען אין אפריקא.

14) „קולטור קאמפף" — די פערפאלגונגען, וואס דער דייטשער מיניסטער ביסמארק האט געמאכט אויף די קאטוילישע גייסטליכע.

15) פרינציפען — הויפט-כללים.

16) אונדירעקטע אפצאהלונג — אנאלאג ניט פון יעדער בירגער גופא, נאר פון די פראדוקטען, וואס ער געברויכט, למשל, דער בראנפען-נאלאג, נאלאג אויף קעראסין, אויף פלייש, אויף זאלץ.

17) וואקסענדע פראגרעסיווע אפצאהלונג — אנאלאג, וואס ווערט גענומען פון יעדערן נאך זיין הכנסה נאך. וואס מעהר הכנסה איינער האט דאס מעהר נאלאג דארף יענער צאהלען.

...וואָסט[illegible]ער

[illegible] .

...ציאלער—געזעלשאפטליכער .

20) אידעאלער—אזא, וואס מען שטעלט זיך פאר פאר אמוסטער .

21) רעאקציאנער—וואס שטרעבט צו גיין אויף צוריק, אומצוקעהרען זיך צו אמאליגע סדרים .

22) פראגרעססיוו—וואס שטרעבט צו נייע בעסערע פארמען פון לעבען .

23) פריווילעגירט—וואס בענוצט זיך מיט בעזונדערע רעכטע .

24) ערדרענטע—די הכנסה, וואס בע־קומט זיך הויל פאר'ן בעזיצען די ערד :

25) קאנטאן—אפראווינץ אין שווייץ .

26) טעלל און ווינקעלריד—נאציאנא-לע העלדען, וואס האבען געקעמפפט פאר די בעפרייאונג פון שווייץ .

27) קאטאסטראפע — א פלוצליכער אונגליקליכער צופאל .

58) ראמאנטיק—די אידעאליזירונג פון דאס אלטעס, פון דאס אפגעלעבטעס .

29) בארבאריי—ווילדקייט פון די אמא־ליגע דורות .

30) עלעמענט—די גרונדטיילען, פון וועלכע עס ווערט צונויפגעשמאלצען דאס גאנצעס .

31) פראדוקציאנס מיטלען—די מא־שינען געביידען, רויהע מאטעריאל א. ז. וו., מיט וועלכע עס ווערען אויסגעארבייט די פראדוקטען .

32) פראדוקציאן—די אויסארבייטונג פון פראדוקטען .

33) קארטעלען און טראסטען — פעראיינען פון קאפיטאליסטען כדי ניט צו לאזען די פראדוקטען אונטער וועלכען עס איז פרייז, אדער כדי איינצוקויפען די ... אויף די פרייזען, וועלכע זיי אליין בעשטימען .

34) אקציאנערע געזעלשאפט — א געשעפט, וואו דער קאפיטאל איז צוטיילט אויף פיעלע גלייכע טיילען וואס געהערען צו פערשיעדענע פערזאנען .

35) קאנצענטרירונג—די צונויפזאמ-לונג אין איין פונקט אדער אין עטליכע גרויסע פונקטען .

36) מעהרווערט—דאס וואס דער ארבייטער בעשאפט מיט זיין ארבייט פאר דעם קאפיטאליסט אחוץ זיינע שכירות און אחוץ דעם, וואס עס בעטרעפען די אויסניצונג פון די מאשינען .

37) ארגאנישע ענטוויקלונג — די אומענדערונגען, וואס ווערען ארויס=גערופען דורך די אינעווייניגסטע כחות נופא .

38) קאנפיסקאציע—דאס אפנעהמען די אייגענטום פאר די מלוכה .

39) פראדוקטיוויטעט—די פעולה, וואס עס ווערט אויפגעטהאן דורך די ארבייט .

40) פראפעסיאנעלער—נאך די פאכען, נאך די מלאכות .

41) אגראריער—די וואס בעשיצען די אינטערעסען פון די ערד בעזיצער, איבערהויפט רעאקציאנערין .

42) פאקטארען—סבות, וואס האבען אגעוויסע ווירקונג און ברייגען זאגאר מיט וועלכע עס איז ער=שיינונג .

43) ראדיקאליזמוס—אזא פאלישישע שטה, וואס האלט פאר נויטיג דורכצופיהרען מעהר אדער ווייניגער גרינדליכע רעפארמען .

44) סאלידאריטעט—אחדות .

דיא אינטערעסען פון היינטיגע קלאססען.

איין פארטיי און איין קלאסס:

די סוציאל-דעמאקראטיע טרעט ארויס אלס א פארשטעהערין פון קלאססען-אינטערעסין; אנדערע פארטייען שטעלין זיך ארויס פיר דיא פאר־שטעהער פון דיא אינטערעסין פון אלע קלאססען אדער אם וועניגסטענס פון אלע בעדייטענדע קלאססען. אונזער פארטיי, דער סאציאל-דעמאקראטיע ווארפט מען אויף, אז זיא שטעלט פאר דיא אינטערעסין נור פון איין טייל פון דער בעפעלקערונג, זיא בעשיצט געוויסע בעזונדערע אינטערעסין; אין דער זעלבער צייט שטאלצירין דיא בורזשואזע פארטייען מיט דעם, וואס זייא שטרעבען מיט אלע כחות צוא ארבייטין פיר דעם אלגעמיינעם אינטערעס און אלע הינזיכטין, דיענען דעם אינטערעס פון דער מלוכה און פון דער געזעלשאפט, דעם אינטערעס פון דער גאנצער בעפעלקערונג בכלל.

אויב דאס, וואס זייא ווארפין אונז אויף, וואלט געווען ריכטיג וואלטין דיא בורזשואזע פארטייען געהאט אין זיך א גרויסע מעלה. צום גליק, גרינדעט זיך דאס מעהר ניט אויף דעם צונויפפלאנטערין פון פערשיעדענע בעגריפען; דער אמת איז פונקט פערקעהרט, אבער פענאנדערצופלאנטערין דעם מישמאש פון געדאנקען, אויף וועלכין דער מיינונג איז געבויט, איז ניט אזוי גרינג, פריהער וויא מיר וועלין שמועסין וועגען קלאססען-אינטערעסין, דארף מען זיך קלאר מאכין, וואס איז אזוינס א קלאסס.

אין 3-טען באנד פון מארקס'ס בוך „דער קאפיטאל" הייבט זיך אן א ערפארשונג וועגין דעם, וואס מיינט מען אונטער דעם בעגריף קלאסס. צום בעדויערין אבער איז דיא ערפארשונג ניט פערענדיגט — זיא האקט זיך איבער פונקט אויף דעם וויכטיגסטען ארט.

אין דער היינטיגער געזעלשאפט בעמערקען מיר 3 עקאנאמישע גרופפען; לוין־ארבייטער, קאפיטאליסטין, ערד־בעזיצער. „פאר וואס בילדין זייא 3 גרויססע געזעלשאפטליכע קלאססען?" פרעגט זיך מארקס און ענטפערט אויף דערויף: „אויף דעם ערשטין קוק קומט אויס, אז דאס צוליעב דעם, וואס זייא האבין איינארטיגע הכנסות אין איין עהנליכען מקור פון הכנסה.

עס גיבין דריי גרויסע געזעלשאפטליכע גרופפען וואס זייערע טיילין, פון וועלכע זייא זיינען צוזאמען געשטעלט דיא פערזאנען, פון וועלכע זיי בעשטעהען לעבען יעדערער נאך זיין ארט אדער פון שכירות, אדער פון פערדינסט אדער פון דיא הכנסה אויף דיא ערד, יעדערער בענוצט אדער זיין ארבייטס־קראפט, אדער זיין קאפיטאל, אדער דיא ערד, וואס געהערט צוא איהם".

„אבער ווען מיר וועלין אזוי קוקין אויף דער זאך, דארפין דאך דאקטוירים און בעאמטע, למשל אויך בילדען 2 קלאססען, ווייל זיי געהערען דאך צוא ״ בעזונדערע געזעלשאפטליכע גרופפען און דיא מיטגליעדער פון יעדערער ״פע בעקומען זייער הכנסה פון איין קוועלע, פון איין ארט. די זעלבע זאך

קען מען זאגען וועגען דיא טויזענדער גרופפען מיט פערשיעדענע אינטערעסין אין לאגעס, אויף וועלכע עס זיינען צוטיילט דיא ארבייטער, וויא אויך דיא קאפיטאליסטין און דיא ערד־בעזיצער צוליעב דיא צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער געזעלשאפט. דיא ערד־בעזיצער למשל, זיינען צוטיילט אויף בעלי הבתים פון דיא וויינגערטנער, בעלי הבתים פון אקער פעלדער, בעלי הבתים פון דיא וועלדער, בעלי הבתים פון מינעס גאלד גרובען, אייזין גרובען און קוילין גרובען, בעלי הבתים פון דיא ברעגעס, וואו מען כאפט פיש.

אויף דעם ארט האקט זיך צום בעדויער איבער דיא שריפט וואס איז איבערגעבליבין פון מארקס׳ען.

זאגין אויף געוויס, וואס מארקס וואלט ווייטער ענטוויקעלט, קען מען, פערשטייט זיך, ניט. מיר קענען אבער אליין ענטפערן אויף דיא פראגע, ווען מיר וועלען דערקונדיגען זיך דיא פאקטען. מיט וואס כאראקטעריזירט זיך די בעציהונג פון דעם ערד־בעזיצער, לאמיר אנכאפין, צו דעם לוין־ארבייטער און צוא דעם קאפיטאליסט פון איין זייט; פון דער אנדערער זייט וויא בעציהט דעם בעה״ב פון אקער פעלד צוא דעם בעל־הבית פון וואלד אדער פון דעם פלאץ אויף איין געביידע? דיא הכנסה פון דיא ערד פון דעם בעל הבית אויף דיא ערד קען בייא א געוויסע סוממע פון דיא הכנסה פון דעם גאנצען פאלק זיך פערגרעסער׳ן אדער אויף דעם חשבון פון דיא שכירות פון דעם ארבייטער, אדער אויף דעם קאפיטאליסט רוח. אויף אזא אופן זיינען דיא אינטערעסין פון דעם ערד-בעזיצער דער היפוך פון די אינטערעסין פון דעם ארבייטער און פון דעם קאפיטאליסט. דיא הכנסה פון דעם בעל-הבית פון דעם אקער פעלד וואכסט אבער ניט אויף דעם חשבון פון דיא בעלי-הבתים אויף אנדערע מינים ערד. פערקעהרט ווען עס העכערט זיך דיא הכנסה אדער דיא פרייז פון דער ערד פון איין סארט ווירקט דאס, אז עס וואכסען אויך דיא פרייזען פון אנדערע פלעצער ערד. נאר יעדער העכערונג פון דיא הכנסה פון דער ערד אדער פון דיא פרייזין פאר דיא ערד בעדייט, אז עס ווערט געטאהן א היזק דעם ארבייטס־לוין אדער דעם ריוח פון דעם קאפיטאל. פון צווייטין זייט לאמיר נעהמען דעם קלאסס־ארבייטער. אין איהם געפינען זיך: דרוקער, מעטאללען-ארבייטער, וועבער, ערד-ארבייטער א. ז. וו., אבער דיא אלע גרופפען בילדען ניט קיין קלאססען. בייא זיי אלעמען איז דא איין אלגעמיינער געגענזאץ צום קאפיטאל און צו דעם ערדאייגענטום, ווייל בייא (זיי אלעמען איז דא איין אלגעמיינער געגענזאץ) א געוויסער סוממע פון דער גאנצער הכנסה פון דעם פאלק, קען דיא שכירות פון דעם ארבייטער וואכסען פון דיא בײדע ארטען הכנסות. אין דעם ארבייטער קלאסס גופא וואכסט ניט דיא שכירות פון איין פאך אויף דעם חשבון פון דעם אנדערן. עס קומט פאר פערקערט, ווען עס העכערט זיך דער לוין ביי איין ארבייטער שיכט פערשטארקט דאס דיא שטרעבונג צום העכערין דעם לוין פון אנדערע ארבייטער שיכטען דאס פערגרעסערט דעם ווילען בייא דיא ארבייטער צו פאדערין איין גרעסערין געהאלט און פערקלענערט דעם כח פון די קאפיטאליסטען, זייא זאלין זיך ניט קענען איינשפארין דאס ניט נאכצולאזען.

יעטצט זעהען מיר שוין פון וואס בילדען זיך בעזונדערע קלאססען, בייא יעדער קלאסס איז ניט נאר איין אלגעמיינער מקור פון דער הכנסה נאר ער שטעהט אויך אין איין קאנטראסט מיט דיא איבריגע קלאססען, וואס יעדערער פון זייא וויל פערנעהמען דיא הכנסות פון דעם אנדערין, כדי מאכין רייכער דעם אייגענעם.

בעזונדערע פאכין און בעזונדערע איינטראנסגרופפען בילדען ניט

קיין בעזונדערע קלאַססען, נאר פֿערשטעהט זיך, אַז מיר וועלען זיך נעהנטער צוקוקען צו דער געזעלשאַפֿט, וועלען מיר בעמערקען, אַז צווישען די דריי גרויסע קלאַססען אָדער צוגלייך מיט די קלאַססען עקזיסטירען אויך מיטעלדיגע קייטלאך און צווייגלאך, וואָס בעקומען אויך דעם כאַראַקטער פֿון בעזונדערע קלאַססען.

למשל, אין דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַסס זיינען דאַ פֿאַבריצנע קאַפּיטאַלען, האַנדעלס־קאַפּיטאַלען און קאַפּיטאַלען אין געלד לאָמיר פֿינאַנדער קוקען דעם געלד־קאַפּיטאַל יעדער קאַפּיטאַליסט נייטיגט זיך אין געלד כדי אָנ־צוהויבען און ווייטער צופֿיהרען זיין געשעפֿט. צווישען די קאַפּיטאַליסטען עקזיסטירען אָבער אַ סאָרט מענשען, וואָס נעהמען אויף זיך ניט צו פֿיהרען דעם עסק, נאר וואָס ווילען בעסער פֿערלייהען זייערע געלד אויף פּראַצענט אינדוסטריעלע און האַנדעלס אונטערנעהמער. דער מקור פֿון וואַנען זיי נעמען זייער הכנסה שאַפֿט ביי זיי אַלגעמיינע אינטערעסען. די פּראַצענטען, וואָס איינער נעהמט, ווערען ניט גרעסער אויף דעם חשבון פֿון די צינזען, וואָס דער אַנדערער נעמט. פֿערקעהרט, ווען איינער נעמט גרעסערע פּראַצענטען ברייננט דאָס דערצו, אַז דער אַנדערער זאָל אויך בעקומען גרעסערע פּראַצענטען. אזא מין הכנסה שאַפֿט ביי זיי אַ געגענזאַץ צו די אַנדערע קאַפּיטאַליסטען, ווייל דער פּראַצענט נעמט זיך פֿון דעם רווח מען זאָל מיר אָבער נאָכדעם ניט קענען שלעכט אויסטייטשען, מוז איך אָבער בעמערקען, אַז איך מיין ניט צו זאָגען: ווען עס וואַכסט דער פּראַצענט, דאַן מוז פֿאַלען דער פּערדיענסט פֿון קאַפּיטאַליסט. דאָס וואָלט געווען פּונקט אַזוי ניט ריכטיג, ווי צו זאָגין, אַז אויב דער אַרבייטס לוין וואַכסט דאַן מוז דער פֿערדיענסט פֿון בעל־הבית ווערען קלענער. ווען די אינדוסטריע און דער האַנדעל בליהען קענען וואַכסען דער רווח דער פּראָצענט און דער געהאַלט פֿון אַרבייטער, אַלע ביינאַנד! אין די צייט פֿון איין קריזיס פֿאַלען זיי אַלע צוזאַמען. נאָר דער פֿאַקט בלייבט פֿונדעסטוועגען אַז אין איין געוויסען מאָמענט ביי אַלע איבריגע גלייכע בעדינגונגען פֿערגרעסערט דער קאַפּיטאַליסט זיין פֿערדיענסט אויף אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל ער שפּאָרט איין אויף שכירות און פּראָ־צענטען. אויב עס וואַכסט די גאַנצע צאָהל סחורות אין דער געזעלשאַפֿט, דאַן קען ווערען גרעסער די צאָהל פּראָדוקטען, וואָס קומט אַן יעדען קלאַסס בעזונדער, אָבער די טייל פֿון יעדער קלאַסס אין די אַלגעמיינע הכנסה קען ניט אין דער זעלבער צייט וואַכסען ביי אַלעמען. אויב איינער באַקומט איין גרע־סערע טייל, מוז דער אַנדערער בעקומען איין קלענערע. אַלענפֿאַלס, ווי עס זאָל ניט ווערען גרעסער. דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פּראָדוקט ווערט ער ניט פֿאַנאַנדער געטיילט מיט אַגעוויסען פּלאַן צווישען אַלע קלאַססען, נור ער ווערט בעקומען דורך איין ענטשיידענען עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קאַמפּף. יעדער קלאַסס גרייפֿט ביי דער ביי אָן אַלע זיינע כחות צו בעקומען וואָס אַ גרעסערע טייל.

צוליעב דעם אופֿן, נאָך וועלכען עס ווערען צוטיילט די פּראָדוקטען ווערען אַרויס גערופֿען די פֿערשיעדענהייט צווישען די קלאַססען די היפּוכים צווישען די קלאַססען און דער קאַמפּף צווישען זיי. זיי מוזען עקזיסטירען ביז וואַנען עס וועט נאָך עקזיסטירען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. די היפּוכים פֿערשווינדען ניט, זיי ווערען אַפֿילו ניט ווייכער, ווען זאָגאַר אַ די שכירות, אַ דער רווח פֿון דעם קאַפּיטאַל, אַ פֿון דער ערד ווערען גרעסער. און דאָס איז דאָך מעהר ניט, ווי עס איז בעוואוסט, איין מינוט פֿון שכירות, און נאָך דעם קומט אָן איין קריינקליכע אויסניכטערונג, ווען עס פֿערקלענערט זיך די

שכירות, דער פֿערדיענסט און די הכנסה פֿון דער ערד. דער קאַמפּף פֿיר אַ גרעסערע טייל אין דעם נאַציאָנאַלען רייכטהום ווערט נאָך שטאַרקער און די קלאַססען—היפוכים ווערען נאָך שאַרפֿער. דער בעגריף „קלאַסס" מוז ענטהאַלטין אין זיך דעם בעגריף פֿון איין קאָנטראַסט מיט אַנדערע קלאַססען. נור אויב אַזוי! איז דאָך, ווען איין פּאַרטי פֿערזיכערט, אַז זי פֿערטיידיגט די אינטערעסען פֿון אַלע קלאַססען, איז דאָך דאָס מעהר ניט אַיין שיינער וואָרט אָהן אַיין אינהאַלט, אַיין אָפּנאַרעריי, כדי צוצוציהען צו זיך דעם פֿאָלק. דאָס איז דאָס זעלבע זאַך ווי צו זאָגען, אַז די פּאַרטיי פֿערהיט אין איין צייט די אינטערעסען פֿון די קוואַרטיראַנטען, זעהענדיג צו מאַכען וועלוועלער די דירה און די אינטערעסען פֿון דעם בעה"ב פֿון הויף, מאַכענדיג העכער די דירה-געלד; אַז זי וויל, אַז די אַרבייטער זאָלען בעקומען אַ הויכען געהאַלט און די פֿאַבריקאַנטען זאָלען האָבען וואָלוועלע אַרבייטער; אַז זי וויל איינשטעלען נידעריגע פּרייזען אויף די נויטיגסטע פּראָדוקטען פֿיר די קויפֿער און הויכע פּרייזען פֿיר די פֿערקויפֿער א. ז. וו. אין דער ווירקליכקייט טרעטען אין דער היינטיגער מלוכה אַרויס אין דער פּאָליטיק דריי גרויסע פּאַרטייען, נאָך די דריי גרויסע עקאָנאָמישע קלאַססען: דאָס זיינען די ליבעראַלען, קאָנסערוואַטאָרען און סאָציאַליסטען.

פֿון דער פֿון אָבער קען מען נאָך ניט דרינגען, אַז אין דער אמת'ער פּאָליטיק צוטיילען זיך אַזוי בולט די פּאַרטייען, ווי די קלאַססען נאָך דער עקאָנאָמישער טהעאָריע. קודם כל, זיינען דאָ מיטעלע אָדער זייטיגע קלאַססען, וואָס זייערע אינטערעסען זיינען ניט אין גאַנצען גלייך מיט די אינטערעסען פֿון וועלכען עס איז פֿון די דריי גרויסע קלאַססען. דער מלוה'שער קאַפּיטאַל למשל, שטייט אין מיטען צווישען דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלייגט אין פֿאַבריקען און זאַוואָדען און צווישען דעם ערד-אייגענטהום און עקספּלואַטירט זיי ביידען. אין דער פּאָליטיק פֿערנעמט ער טאַקע איין מיטעל פּונקט צווישען דעם ליבעראַליזמוס און דעם פֿעאָדאַלען קאָנסערוואַטיזמוס פֿון די ערד-בעזיצער ער פֿעראייניגט זיך דאָ מיט די, דאָ מיט דער אַנדערער פּאַרטיי ווי למשל, אין דייטשלאַנד, די נאַציאָנאַל-ליבעראַלען און די פֿרייע קאָנסערוואַטאָרען.

פֿון אנדערען זייט שטייהען די קליין בורזשוא אין מיטען צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַסס, די קליינע פּויערים — צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און צווישען די ערד-בעזיצער. די פֿעראייניגונג פֿון פֿערשיעדענע טיילען פֿון פֿערשיעדענע קלאַססען אין איין פּאַרטיי פֿערניכטעט אויך ניט די קלאַססענגעגענזעצע. אין איין דעמאָקראַטישע מלוכה, ווען עס איז איינגעפֿיהרט איין אַלגעמיינע וואהל-רעכט קענען ניט די קאַפּיטאַליסטען, ניט די ערד-בעזיצער ניט איינהאַלטען די מאַכט: זיי זיינען צו וועניג אויף דערויף. אין 1895 יאהר זיינען צווישען די זעלבסשטענדיגע בירגער (ד. ה. ניט רעכענענדיג די געדונגענע אַרבייטער) אין אינדוסטריע און האַנדעל געווען:

וואָס האָבען קיין אייגענטום ניט (בעלי הבתים אָן אַרבייטער און וואָס נעהמען ארבייט אין שטוב) 1721418 מענשען.

קליינע בעלי מלאכות און הענדלער (בעלי הבתים אין געשעפֿטען אין וועלכע עס זיינען פֿערנומען פֿון 2 ביז 5 אַרבייטער) 260850 מענשען.

מיטעלע קאַפּיטאַליסטען (ביי וועלכע עס ארבייטען פֿון 5 ביז 20 ארבייטער) 200471 מענשען.

גרויסע קאַפּיטאַליסטען (וואו עס ארבייטען מעהר ווי 20 פּערזאָן) 48765 מענשען.

איהר זעהט, אז די צאָהל פֿון גרויסע קאַפּיטאַליסטען אין האַנדעל און אינדוסטריע דערגרייכט נאָך ניט קיין 50 טויזענד. די צאָהל פֿון די פּאַקטישע פּראָלעטאַריער איז אפילו צווישען די כלומרשט זעלבשטענדיגע גרעסער ווי די צאָהל פֿון די קליינע קאַפּיטאַליסטען צוזאַמען מיט די, וואס זיינען האַלב פּראָ־לעטאַריער און האַלב קאַפּיטאַליסטען.

אין די אלע פֿאַכען ציפֿער שפּיגעלט זיך ניט אָפּ ריכטיג די ווירקליכקייט. איין האַנדעלסגעשעפֿט מיט 5 בעדיענטע קען ארומנעהמען אַ גאַנץ גרויסען קאַפּיטאַל. פֿון צווייטען זייט קען מען איינינע געשעפֿטען מיט 2 פּערזאָהן, דער בעל־הבית מיט איין לעהרע אינגעל, צורעכענען צו די פּראָלעטאַרישע: דיביידע טעותים גלייכען זיך אוים, אויסער דעם, איז דער אונטערשיעד צווי־שען די צאָהלען אזוי גרוים דאס אַ גענויע פּינקטליכקייט קען דאָ קיין ווערדע ניט האָבען.

אַ ביסעל בעסער איז פֿיר די רייכע די לאַגע אין דאָרפֿווירטשאַפֿט. צווישען די זעלבסשטענדיגע בעלי־הבתים אין דאָרפֿווירטשאַפֿט איז אויסגעקומען:

וואס האבען קיין אייגענטום ניט (וואס האבען ווייניגער ווי צווי העק־טאָרען ערד)	548572
קליינע פּויערים (פֿון 2 ביז 5 העקטאַרען)	694850
מיטעלע פּויערים (פֿון 5 ביז 50 העקטאַרען)	1221284
גרויסע ערד־בעזיצער (העכער פֿון 50 העקטאַרען)	98224

אין דער טאַבעל איז די צאָהל כלומרשטיגע בעזיצער, וואס האבען אָבער אין דער ווירקליכקייט גאָר קיין אייגענטום ניט ווייניגער אין פֿערגלייך מיט די, וואס האָבען אייגענטום, אָבער גרויסע גוטסבעזיצער איז נאָך אַלץ דאָ ווייניג.

נור דאַן, ווען מיר וועלען צוגעבען די צאָהל פֿון געדונגענע אַרבייטער, ווע־לען מיר ערשט זיך איבערצייגען, ווי קליין עס איז די צאָהל פֿון די, וואס בעקומען זייער הכנסה פֿון זייערע גיטער אָדער פֿון זייערע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען.

אין ערד־ווירטשאַפֿט זיינען פֿערנומען:

געדונגענע ארבייטער	5,723,967	צוזאמען
געדונגענע וואס ארבייטען זעלבסטשטענדיג	548,572	6,272,539
פּויערים (וואס בעארבייטען זייער אייגענע ערד)	1,916,134	
גרויסע ערד בעזיצער	98,224	

אין האַנדעל און אין אינדוסטריע איז נאָך ערגער:

געדונגענע ארבייטער זינען דארט פֿערנומען	7,714,410	צוזאַמען
זעלבסטשטענדיגע פֿעראָרימטע בעלי הבתים	1,721,418	9,435,828
מיטעלקלאַסס	1,101,321	
גרויסע קאַפּיטאַליסטען	48,765	

צוזאַמען פֿיר אַלע 3 גרויסע צווייגען פֿון הכנסה וועט דאָס מאַכען:

געדונגענע אַרבייטער	13,438,377	צוזאמען
זעלבסטענדיגע פֿעראָרימטע בעלי הבתים	2,269,990	15,708,367
מיטעלקלאַסס	3,017,455	
[illegible]ייסע ערד בעזיצער און קאַפּיטאַליסטען	146,989	

יעצט, ווען מיר וועלען צורעכענען די איבעריגע בעשעפטיגונגען און אויך די פאַמיליעס פון יעדער קלאַסס, וועט זיך בעקומען פיר די גאַנצע בעפעלקערונג אַזוינע ציפערן:

גערינגענע אַרבייטער	28757058	(55 מיט 55 הונדערטלאך אויף יעדערע הונדערט טיילן)
זעלבסשטענדיגע פעראָרימטע בעלי בתים	6492384	(12 מיט 54 הונדערט־לאך)
מיטעל־קלאַסס	15874600	(30 מיט 66 הונדערטלאך)
גרויסע קאַפּיטאַליסטען און פּאָמעשציקעס	646242	(1 מ ט א פיערטעל)

די מעהרהייט פון פּראָלעטאַריאַט דריקט זיך אויס אפשר ניט אַזוי בעדייטענד ווי דאָס איז דערפאַר, וואָס אין זיין פאַמיליע געפינט זיך זעהר ווייניג מיטגליעדער וואָס זאָלען אַליין ניט אַרבייטען, אין דער געזעלשאַפט אָבער רעכענט מען זיך איבערהויפּט מיט די מיטגליעדער, וואָס נעהמען איין נאָהענטען אַנטהייל אין דער געשאַפטליכער פּראָדוקציאָן. דאָך איז אין דער לעצטער טאַבעל אויך די צאָהל פון דעם פּראָלעטאַריאַט די גרעסטע, זי נעהמט אַרום 2 דריטעל פון דער בעפעלקערונג און די גרויסע קאַפּיטאַליסטען בילדען מעהר ניט עפּעס מעהר ווי איין הונדערטעל, איין פּראָצענט מיט אַ פיערטעל.

איצטער איז קלאָר, ווי שמאָל עס וואָלט אויסגעקומען יענע קלאַססען, וואָס בעקומען זייער הכנסה פון זייער קאַפּיטאַל אָדער פון ערד, ווען זיי וואָלטען זיך געשטיצט אין דעם פּאָליטישען קאַמפּף נור אויף זייערע אייגענע מיטגליעדער. זיי מוזען זעהן צו קריגען אין דער מאַססע איין הילפסזול, וואָס זאָל אָפּגעבען פיר זיי זייערע שטימען, און וועלכע זיי נויטיגען זיך. די גרויסע בעלי־אייגענטען רעכענען בעזונדערס די בייזע מיטעלע קלאַססען די קליינבורזשואזיע און די פּויערים אויף דערויף ווי געבאָרען, ווייל זייערע אינטערעסען זיינען צוטיילט אויף העלפטע. די פּאַרטייען פון די רייכע קלאַססען זעהען נאָך צוקריגען פיר זיך שטימען צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט. זיי געברויכען דערצו פּוסטע הבטחות, הייליגע אָפּנאַרעריי, סטראַשונקעס מיט איביגע און צייטווייליגע יסורים, און ווען דאָס איז ניט גענוג, נויטיגען זיי דערצו פּשוט, זיי בענוצען זיך מיט אַלע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטליכע געוואַלד־מיטלען וואָס געפינען זיך אין זייער רשות. אַ דאַנק זייער פּריווילעגירטע לאַגע, אַדאַנק דעם וואָס זיי האָבען איצטער בעזונדערע רעכטע, אַט אַזוי פיהרען דאָס דיזע פּאַרטייען זייער אַגיטאַציאָן פיר די וואַהלען אָדער בעסער געזאָגט זייער שטרעבונג צו בעקומען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל שטימען צום דיענסט פון דעם קאַפּיטאַל און פון די גרויסע פּאָמעשציקעס.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז פיהרענדיג אַזאַ קאַמפּף פיר די בחירות קענען ניט די פּאַרטייען פון די רייכען און זיי האָבען ניט די העזה זיך מודה צו זיין, אַז עס זיינען דאָ בעזונדערע קלאַססען־אינטערעסען און קלאַססען געגענזעצע. זיי לויגנט בעסער צו פערשמירען די קלאַססען־היפּוכים אָדער זיי אין גאַנצען אָפּצולייקענען, יעדער, וואָס עפענט פאַנאַנדער די קלאַססען היפּוכים איז זייער ערגסטער שונא, זיי לייקענען אָפּ דעם קאָנטראַסט צווישען פערשיעדענע קלאַססען נור כדי בעסער צו פערטיידיגען זייערע בעזונדערע קלאַססען אינטערעסען. ניט אַזוי איז ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ביי די פּאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די קאַפּיטאַליסטען און די גרויסע בעלי־נחלות זיינען אין קליינער מיעוט פון דער בעפעלקערונג. ביי אַלגעמיינע וואַהלרעכט וואָלט פון זיי פּאָליטיש גאָר ניט געוואָרען, ווען זיי וואָלט ניט געלונגען קריגען פיר זיך שטימען פון אַנדערע קלאַססען. דער פּראָלעטאַריאַט פערקעהרט, איז דער שטאַרקסטער קלאַסס פון דער בעפעלקערונג. ער איז בעזאָרגט מיט איין נצחון אין איין אינדוסטריעלער דעמאָקראַטישער לייי

איהם וועט זיך איינגעבען אויסצוזוועקען דעם קלאססען בעוואוסט זיין ביי אלע מיטגליעדער פון זיין קלאסס און אפציעהען זיי, זיי זאלען מעהר ניט נאכגעהען נאך די בורזשואזע פארטייען. די אויפגאבען פון אנדערע פארטייען איז אפצונארען די מאססען אין זייערע קלאססען אינטערעסען, כדי אונטערצוטעניגען דיעזע מאססען. די סאָציאל-דעמאָקראטיע האט אלע גרינדען אויף דעם צו ערקלערען זיי זייערע קלאססען-אינטערעסען, כדי מען זאל זיך מיט זיי ניט קענען בענוצען ווי מיט שעפסען בשעת די בחירות אין די אינטערעסען פון פרעמדע און פיינדליכע קלאססען, די סאָציאל-דעמאָקראטיע דעריבער שטרייבט אונטער די קלאססען גענענזעצע און מאכט אין דעם זין אויפמערקזאם דעם פאָלק.

אָבער איהר וועט האבען זייער א גרויסען טעות, אויב איהר וועט דערפון דרינגען, אז זי ארבייט צוליעב געוויסע קלאססען-אינטערעסען, דאס טהוט דאך יעדע אנדערע פארטיי אויך. די סאָציאל-דעמאָקראטיע, טאקע דערפאר, וואס זי איז די פאָרשטעהערין פון די קלאססען-אינטערעסען פון דעם פראָלעטאריאט, טאקע צוליעב דעם שטעלט זי פאָר א סך מעהר, ווי יעדע אנדערע פארטיי די כלל-אינטערעסען, די אינטערעסען פון די הויפטמאססע פון דער בעפעלקערונג. די סאָציאל-דעמאָקראטיע שטעלט פאָר איהרע אינטערעסען ניט נאר דערפאר, וואס זי מאכט אויס די גרעסטע טייל פון דער בעפעלקערונג. נאר אויך דערפאר, וואס ביי היינטיגען טאג זיינען די אינטערעסען פון דעם פראָלעטאריאט אויך די אינטערעסען פון דער גאנצע נאציאָן.

פרייהייט און יושר.

בשעת מיר זאָגען, אז די קלאססען מוזען שטעהן איינע אנטקעגען די אנדערע אין איין קאָנטראסט און אז דעריבער קען קיין פארטיי ניט פאָרשטעלען די אינטערעסען פון פיעלע קלאססען אָדער פון אלע גרויסע קלאססען, הייסט דאס ניט אז די פארטיי מוז אָפצאמען איהר טהעטיגקייט נור מיט דעם, וואס זי שטעלט פאָר איין בעשטימטען קלאססען-אינטערעס. זי קען קיין לאנגע צייט ניט פאָרשטעלען פערשיעדענע קלאססען-אינטערעסען אָבער זי קען און זי דארף פאָרשטעלען עפעס נאך אנדערע אינטערעסען, ווי קלאססען אינטערעסען.

פונדעסטוועגען זיינען אלע קלאססען-אינטערעסען פאָרט פעסט צווישען זיך אָרגאניש. צוזאמענגעבונדען, און די קלאססען-אינטערעסען זיינען סוף כל סוף די, וואס וועגען אליך אראפ נאך די אייגענארטיגע לאגע, וואס דער קלאסס פערנעהמט אין דער געזעלשאפט היינגט אָפ, ווי דער קלאס פערהאלט זיך צו די כלל-אינטערעסען, וואס ריהרען ניט אָן נאָהענט זיינע קלאססען-אינטערעסען אויף דעם זעלבען אופן פערהאלט זיך צו די פערשיעדענע געזעלשאפטליכע אויפגאבען די פארטיי, וואס קעמפט פאר די אינטערעסען פון דעם קלאסס.

די סאָציאל-דעמאָקראטיע דארף אויך זארגען וועגען אלע געזעלשאפטליכע פראגען, ווען זיי האבען אפילו ניט קיין נאָהענטע שייכות צו די קלאססען-אינטערעסען פון דעם פראָלעטאריאט, נאר איהר בעציהונג צו די אלע פראגען קען ניט זיין אבי וועלכע, נאר זי הענגט אָפ פון די לאגע, וואס דער פראָלעטאריאט פערנעהמט אין דער געזעלשאפט. דער פראָלעטאריאט איז ניט אזא קלאסס, ווי אנדערע. חוץ דעם, וואס ער בילדעט, ווי מיר האבען געזעהען די גרעסטע טייל פון פאָלק, פון $^2/_3$ ביז $^3/_4$, איז ער נאך דער איינציגער קלאסס,

וואס לעבט פֿון זיין אייגענער פּראַצע און ניט פֿון עקספּלואַטירען אנדערע.

אמת, אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט קען קיינער ניט זיין בעזיכערט, אז מען וועט איהם ניט עקספּלואַטירען. מיר האבען דאך געזעהן, ווי די פּראָצענטניקעס, די קאַפּיטאַליסטען, וואס זייער קאַפּיטאַל בעשטייט אין געלד, עקספּלואַטירען די בעלי-הבתים פֿון די פֿאַבריקען און די פּאָמעשציקעס, ווען די לעצטע זיינען געניטיגט צו ענטלייען ביי די ערשטע געלד.

דער פּראָצענטניק גופא, אזוי ווי יעדער אנדערער קאַפּיטאַליסט ווערט נאך עקספּלואַטירט דורך די רעגירונג, וועלכע נעמט ביי איהם אָבצאָהלונגען. א טייל פֿון די נאַלאָגען געהען טאקע אויף וועלכע עס איז נוציגע ציעלען, אבער די אנדערע טייל ווערט פֿערווענדעט אויף צו האָדעווען פֿערשיעדענע פּאַראַזיטען, וועלכע פֿעהלען ניט, ברוך השם, אין קיין מלוכה. ביי געוויסע תנאים, ווי למשל אין פֿראַנקרייך פֿאר די רעוואָלוציאָן, זויגען זיי אזוי אוים די בלוט פֿון פֿאָלק, אז זיי קענען איהם אין גאנצען פֿעראָרעמען.

אפֿילו די הויכע, העכערע, אפֿילו די העכסטע פּערזאָנען קענען אויך זיין עקספּלואַטירט. זיי מאַכען זיך אָן אָפֿט חובות און מוזען דאַן געבען צינז דעם קאַפּיטאַל, וואס בעשטייט אין געלד. די שפּיץ פֿון די עקספּלואַטירנדע געזעלשאַפֿט עקספּלואַטירען אין פֿערשיעדענע פֿאָרמען איינע די אנדערע; דער=ביי לאַזט דער געלד קאַפּיטאַל אָבטמאַל פֿון אלעמען. אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט קלאָגען זיך דעריבער אלע אויף עקספּלואַטאַציאָן און אונטערדריקונג. איך ווייס ניט, צו עס איז גאר דאָ אזא קלאַסס, וועלכען זאל ניט אויסקומען צו קעמפֿען פֿיר וועלכע עס איז פֿרייהייט און פֿיר וועלכע עס איז רעכט. אין דער זעלבער צייט איז ניטאָ קיין קלאַסס, אחוץ פֿערשטייט זיך די פּראָלעטאַ=ריער — די געדונגענע ארבייטער און די קליינע פּויערים און בעלי מלאכות, וואס זאל ניט בעקומען איין טייל פֿון זיין פּרנסה דורך עקספּלואַטאַציאָן פֿון אנדערע. קיין קלאַסס חוץ דעם פּראָלעטאַריאַט, קען דעריבער ניט פֿיהרען ביז'ן סוף זיין קאַמפֿ פֿיר פֿרייהייט און רעכטע. ער מוז אנדערע קלאַססען ענטזאָגען אין דעם, וואס ער פֿאָדערט פֿיר זיך. די קרומקייט נעמט אָן אמאָל משונה'דיגע פֿאָרמען.

די דייטשע פֿירסטען פֿון 16-טען און 17-טען יאָהרהונדערט וועלענדיג פֿערשטאַרקען זייער דעספּאָטיזמוס און פֿערשוואַכען די קייזערליכע מאַכט, פֿלעגען טענה'ן, אז זיי שלאָגען זיך פֿיר די „דייטשע פֿרייהייט" דער נידעריגער אדעל האָט געזאָגט די זעלבע זאך, קעמפֿענדיג מיט די פֿירסטען. אָבער אי די, אי יענע פֿלעגען מיט כעס אָנפֿאלען אויף די פּויערים, ווען יענע פֿלעגען אויך פֿאָדערן א ביסעלע פֿרייהייט. אין די מודעה וועגען די אונאָבהייניגקייט פֿון די אמעריקאנישע פֿעראייניגטע שטאַאטען פֿון 4=טען יולי 1776 יאָהר איז געזאָגט געוואָרען. „אז אלע מענשען, גלייך געבאָרענע, האָבען בעקומען פֿון דעם בורא געוויסע רעכט, וואָס מען קען ביי זיי ניט אָבנעהמען; צו די רעכט געהערען אויך פֿרייהייט און איין שטרעבונג צו לעבען וואָס בעסער". צוזאמען מיט די אונבערויבליכע רעכטע האָבען זיך געלעבט אין שלום, נאך די מיינונג פֿון די פֿערפֿאַסער פֿון די מודעה, די רעכטלאָזיגקייט פֿון פֿרויען, די לאַגע פֿון די אינדיאַנער, וועלכע דער געזעץ האט גאָר ניט געשיצט, און די קנעכטשאַפֿט פֿון די נעגערען.

עס עקסיסטירט מעהר ניט ווי איין קלאַסס, וואָס קען פֿיהרען איין קאַמפֿ נעגען יעדער עקספּלואַטאַציאָן און אונטערדריקונג. דאס איז דער פּראָלעטאַריאַט. ניט נאָר ער קען פֿיהרען דעם קאַמפֿ, ער מוז איהם פֿיהרען,

ווייל ער אַליין וועט אויפֿהערען צו זיין עקספּלואַטירט און געדריקט, ווען עס וועט בכלל אָפּגעשאַפֿט ווערען די מעגליכקייט צו עקספּלואַטירען און צו דריקען.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַלס די איינציגע בעוואוסטזיניגע פֿאָרשטע-הערין פֿון די פּראָלעטאַרישע קלאַססען-אינטערעסען, וואס ענטהאַלט אין זיך ניט קיינע ווידערשפּרוכען איז דעריבער די איינציגע פּאַרטיי, וואס טרעט ארויס פֿיר אַלגעמיינע גלייכע פֿרייהייט און גלייכע רעכטע געגען יעדער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציאָן.

נור זי פֿאָדערט די פֿאָלקאָמענע פֿרייהייט פֿון דער וויסענשאַפֿט. אפילו שוין די מעהר דעמאָקראַטישע פֿון אונזערע בורזשואזיע דעמאָקראַטען רעכֿענען, אז די וויסענשאַפֿטליכע לעהרען אין די אוניווערזיטעטען דאַרפֿען זיין א מאָנאָפּאָל פֿון די, וואָס האַלטען דעם צד פֿון דעם יעצטיגען געזעלשאַפֿטליכען אָרדנונג. זיי פֿאָדערן איין וויסענשאַפֿט אָהן קיין שום בעדינגונגען, נאָר מיט דער שטומער בעדינגונג, אז פֿאר יעדער אויספֿאָרשער, וואָס דערגייט זיך אזוינע וואהרהיי-טען, וואס זיינען ניט גאר בעקוועם פֿיר דעם הערשענדען געזעלשאַפֿטליכען און שטאַטליכען אָרדנונג דארף מען פֿערמאַכען דעם אריינגאנג אין דעם „טעמפּעל פֿון וויסענשאַפֿט", אין דען אוניווערזיטעט.

מכח די אלזייטיגע פֿרייהייט פֿון וויסענשאַפֿט קען מען נאָך זאָגען, אז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע שטרעבט איהר צו ערקעמפּפֿען אין איהרע אייגענע אינטערעסען, ווייל פּונקט די וויסענשאַפֿטליכע ריכֿטונג, אויף וועלכע זי שטיצט זיך, איז פֿערוועהרט אין די אוניווערזיטעטען.

די סאציאל דעמאקראטיע טרעט אויך ארויס פֿיר יעדע אונטערדריקטע נאציאן, פֿיר איהר אייגענע אדער פֿיר א פֿרעמדע. קיין דייטשע פּארטיי איז ניט ארויסגעטראטען מיט מעהר כח ווי די סאציאל-דעמאקראטיע געגען די אונטערדריקונגען, וואס די דייטשע רעגירונג האט געמאכט די פּרייסישע פּאליאקען און די דענער. קיין ענגלישע פּארטיי האט זיך ניט געשטעלט אויף דעם זייט פֿון די אונטערדריקטע אירלענדער ענערגישער, ווי די סאציאליסטען. צוליעב דעמזעלבען גרונד קעמפּפֿט דער פּראלעטאריאט געגען יעדער ערא-בערישע קאלאניאלע פּאליטיק, ניט נור אין דייטשלאנד, פֿראנקרייך, איטאליען, וואו דאס איז זייער ניט קיין איינטראגבארער עסק, נור אויך אין האללאנד, אין ענגלאנד, וואס פֿון דעם בעקומט מען און אויף דעם שטעהט איין גרויסע טייל פֿון דעם פֿאָלקס אייגענס.

די טהעטיגקייט פֿון די סאציאל-דעמאקראטען אין דער פֿרויען פֿראגע שטימט אויך מיט זיין קלאססען-לאגע, וועלכע טרייבט איהם צו קעמפּפֿען געגען יעדער עקספּלואטאציאן, געגען יעדער אונטערדריקונג.

פּאמעלאך און אנזיכֿער, גיכֿער בעל כרחך ווי נאך זייער אייגענעם, ווילען הויבען איינינע בורזשואזע פּארטייען אויך אן איצטער צו פֿערניכטען איינינע פּאליטישע בעזונדערע רעכֿטע פֿון די מענער. די איינציגע פּארטיי, וואס קעמפּפֿט יעצט און וואס האט שטענדיג געקעמפּפֿט געגען די אלע מענערשע פּריווילעגען בכלל איז אבער נור די סאציאל-דעמאקראטיע. די סאציאל-דעמא-קראטיע בעשיצט אפילו איהרע שונאים דאן, ווען זיי אליין ווערען געדריקט. דאס איז געזאגט ניט נור אויף די נאציאנאלע פּאליאקען און אירלענדער, וואס די גרעסטע טייל זייערע געהערט צו די רעאקציאנערסטע עלעמענטען, ניט נור אויף די בורזשואזע פֿרויען, וואס בעקומענדיג א דאנק דעם פּראלעטאריאט יעצט א שטיקעל פּאליטישע ווירקונג, נוצען זיי איהר אוים מיט גרוים פֿער-גניגען צו דריקען דעם פּראלעטאריאט, דאס איז געזאגט אפילו אויף די

קירכע, אויף די קאטאלישע קירכע. אמת, די גייסטליכע זיינען טאקע איין
שטארקע ארגאניזאציאן, וואס בערויבט און אונטערדריקט דעם פאלק, וואס
טרעט ארויס מיט די שטארקסטע שנאה געגען יעדער בעפרייאונגס-בעוועגונג
פון דעם פראלעטאריאט. אין הסכם מיט איהרע פרינציפען דארף די סאציאל=
דעמאקראטיע ענערגיש קעמפפען מיט די קירכע דאן, ווען זי וויל שטיקען און
דריקען דאס פאלק און זי דארף אפנעהמען ביי איהר אלע איהרע בעזונדערע
רעכטע וואס מאכען איהר פיר אזא שעדליכען געגנער פון דעם וואכסענדען
פראלעטאריאט. אבער די סאציאל-דעמאקראטיע איז שטענדיג געוועזען געגען
דעם „קולטורקאמפף" און פאדערט נאך איצט אויך אז מען זאל אפשאפען אלע
אויסנאהמסגעזעצען פיר די קירכע.
די זעלבע פרינציפען ליעגען אויך אין גרונד פון די סאציאל=דעמאקרא=
טישע טהעטיגקייט פיר די מיטעלקלאססען צווישען דעם פראלעטאריאט און די
גרויסע עקספלואטאטארען. בשעת די מיטעל קלאססען, די קליינבורזשואזיע און
די פויערים, ווילען פערבעסערן זייער לאגע דורך דעם, וואס זיי ווילען מעהר
דריקען די שוואכערע פון זיי, דהיינו, די געדונגענע ארבייטער און זייערע
אייגענע קינדער, דארט טרעטען די סאציאל=דעמאקראטען ארויס געגען זיי,
דארטען קען זי זיי פערשטייט זיך, ניט העלפען, אבער זיי האבען ניט קיין
בעסערן מליץ יושר פיר זיך, ווי די סאציאל=דעמאקראטען, דאן ווען זיי אליין
קעמפפען געגען אונטערדריקונג און בלוטזויגער. די סאציאל דעמאקראטיע
שטעהט איצט אין די פאדערשטע רייהען אין קאמפף מיט די נאלאגען אויף
עסענווארג און איבעריגע נויטיגסטע פראדוקטען, מיט דעם שיצט זי די אינ=
טערעסען ניט פון דעם פראלעטאריאט אליין, נאר אויך פון די קליינבירגער
און פון די קליינע פויערים. זייער קרוודע נעמט זיך אן די סאציאל דעמא=
קראטיע אויך דאן, ווען זי פאדערט פערבייטען די אונדירעקטע אפצאהלונגען
מיט איין וואקסענדע פראגרעסיווע אפצאהלונג פון דער הכנסה און פון
אייגענס, ווען זי פאדערט איבערגעבען גרויסע מאנאפאלען אין די הענד
פון דער נאציאן אדער פון דער שטאדט-פערוואלטונג א. ז. וו. נור פון די
מיטלען קענען די קליין בורזשוא און די קליינע פויערים ערווארטען זיך הילף,
אויף וויפיעל מען קען זיי בכלל נאך העלפען אין דער היינטיגער
געזעלשאפט.
עס איז איין גרויסער טעות, ווען מען מיינט, אז די סאציאל=דעמא=
קראטיע וויל וואס מעהר שאדען אנטאהן די קליינע מענשעלאך. זי העלפט
זיי נאך דארטען, ווען מען קען זיי העלפען מיט א שכל, ד. ה. דא וואו
דאס גייט ניט געגען די עקאנאמישע ענטוויקלונג פון גאנצען פאלק, אבער זי
פראטעסטירט ענערגיש געגען דעם, אז מען דארף זיי העלפען מיט פער=
שטארקטע עקספלואטאציאן. אויף אזא אופן, איז טאקע דער קלאססען=
כאראקטער פון דעם פראלעטאריאט שטעלט ארויס דער סאציאל=דעמאקראטיע
א גאנצע רייהע וויכטיגע פאליטישע אויפגאבען, וואס פערשפרייטען זיך פיעל
ווייטער, ווי די שמעלערע פראלעטארישע קלאססען אינטערעסען.
די סאציאל=דעמאקראטיע האט פיעל צו פערדאנקען אט די ברייטע
ארבייט מיט דעם, וואס זי ציהט צו צו זיך ניט-פראלעטארישע
עלעמענטען אויך.
מיר האבען געזעהן, אז צווישען דעם פראלעטאריאט און די אנדערע
גרויסע קלאססען עקזיסטירען אפילע צווישענדיגע קייטענרינגלאך. חוץ די בעלי
מלאכות, קליינע קרעמערלאך, קליינע פויערים דארף מען נאך ניט פערגעסען

די זאָגענאַנטע אינטעליגענטען. נאָך זייער געזעלשאַפטליכע לאַגע, נאָך זייער בעקאַנטשאַפט, נאָך די אַרבייט, וואָס זיי ערפילען (למשל אַלס פאָרשטייהער פון די קאַפּיטאַליסטען) שטעהען זיי נאָהענט צו דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַסס און אין דערזעלבער צייט לעבען זיי פון זייער אַרבייט אזוי ווי פּראָלעטאַריער, נאָר זייער אַרבייט איז פערשטייט זיך גיט קיין פּראָסטע, נור איין קינסטליכע און זיי פערנעהמען צווישען די אַרבייטער איין אַריסטאָקראַטישען אָרט פון צווייטען זייט האָבען מיר שוין געזעהן, אַז צווישען די עקספּלואַטאַטאָרען גופא איז ניטא אפשר איין גרופּפּע, וואָס זאָל אַליין ניט זיין עקספּלואַטירט. מיר ווייסען ענדליך, אַז די עקספּלואַטירטע עקספּלואַטאַטאָרען זעהען גאַנץ גוט יעדע אונטערדריקונג און יעדע עקספּלואַטאַציאָן, וואָס ברייננט זיי שאָדען, נוך זיי ווערען בלינד, ווען מען הייבט אָן צו ריידען, וועגען דעם, וואָס זיי אַליין עקספּלואַטירען. זיי קומען זייער גרינג צו דעם געדאַנק, אַז די בעזונדערע עקספּלואַטאַציאָן און אונטערדריקונג, פון וועלכע זיי ליידען, איז די איינציגע, געגען וועלכע מען דאַרף מיט רעכט קעמפּפען און זיי ערקלערען דאָ אַ קאַמפּף געגען יעדע עקספּלואַטאַציאָן און אונטערדריקונג. חוץ דעם, וואָס זיי נאַרען זיך אַליין אָפּ, שפּיעלט דאָ איין ראָליע איין אַנדער אויסקוק: אַרויספּלעגענדיג אויף זייער קאַמפּף געגען זייער ספּעציעלע עקספּלואַטאַציאָן דעם שטעמפּעל פון קאַמפּף פיר אַלגעמיינע פרייהייט און גלייכהייט, אָדער ווי מען זאָגט, פיר יושר, האָפען זיי דערמיט צו קריעגען דעם מיטגעפיהל און די שטיצע פון די נידריגערע קלאַססען, וועלכע זיינען אַלעמאָל גרייט צו פיהרען דעם קאַמפּף, צוליעב זייערע אייגענע קלאַססען-אינטערעסען. אָבער אין יעדער פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַססען, וואָס פיהרען בלומרשט איין קאַמפּף פיר פרייהייט און רעכטע און נאָך מעהר אין די צווישענדיגע גרופּפּען, וואָס שטייהען אין מיטען צווישען זיי און דעם פּראָלעטאַריאַט, בעזונדערס צווישען די אינטעליגענץ געפינען זיך אַזוינע טיילען, וואָס העלפט צוליעב דעם היץ פון קאַמפּף און העלפּט צוליעב די געזונדע לאָגיק הויבען זיי אָן ערנסטער זיך צו בעציעהען צו די פּונקטען וועגען פרייהייט און גלייכהייט אין זייער פּראָגראַם. זיי ווענדען זיך צו זייערע חברים און יענע ווילען זיי גאָר ניט אויסהערען. דער אויסרעכענונג און דער אינסטינקט ווייזט זיי אָן די גרענצען פון וועלכע מען טאָר זיך ניט דערווייטערן אין קאַמפּף פיר זייער פרייהייט און גערעכטיגקייט, אויב זי ווילען ניט שאָדען די אינטערעסען פון זייער קלאַסס. אויב די פּרינציפּס-מענשען פיהרען איין פּראָפּאַגאַנדע נור צווישען די פערמעגענדע קלאַססען, טהוען זיי קיין זאַך ניט אויף. נור דאַן ווען זיי שטעהען צו צו דעם נידריגסטען קלאַסס קענען זיי פיהרען אלעבענדיגע ברייטע טהעטיגקייט.

אפילו בורזשואזע עלעמענטען זיינען געקומען אזוי צום סאָציאַליזמוס מיט ארומיגע וועגען דורך דעם ליבעראַליזמוס און דורך די בורזשואַזיע דעמאָקראַטיע, ד. ה. דורך דעם קאַמפּף געגען די עקספּלואַטאַציאָן פון דעם קייזערליכען הויף און פון די פעאָדאַלע אריסטאָקראַטען. דאס איז אָבער ניט דער איינציגער וועג, מיט וועלכען מען קומט פון דער בורזשואַזיע צום סאָציאַליזמוס. ביי יעדער מענש איז איינגעפלאַנצט צוזאַמען מיט אַנדערע שטריכען פון כאַראַקטער אַ נייגונג צו געוויסע סאָציאַלע אינווייניגסטע געפיהלען, ווי מיטלייד, איין גרייטהייט צו העלפען דעם אַנדערען, זיך מקריב זיין פיר דעם כלל.

הונדערטער, טויזענדער יאָהרען לעבען שוין די מענשען צוזאַמען און דורך דעם וואָס זיי זיינען פעסט פעראייניגט אין גרופּפּען האבען זיי געקענט

פֿערשטארקען די סאָציאַלע געפֿיהלען, וועלכע זיינען געוואָרען איין מעכטיגע
קראַפֿט. זי הערשט אזוי איבער דעם מענשען אזוי ווי די שטרעבונג איבער=
צובייטען זייער אָרט הערשט איבער די וואַנדער=פֿייגלאך. די פֿילאָזאָפֿען
פֿון מאָראַל דוכט זיך אויס, אז מען קען דאס ניט ערקלערען. אין די סאָציאַלע
אינוויינינסטע געפֿיהלען זעהען זיי אַיין עפּעס איין איבערנאַטירליכעס, איין
געטליכעס, איין זאַך, וואס קומט גאר פֿון איין אַנדער וועלט. דאס שטאַמט
אָבער מעהר ניט פֿון אונזער געזעלשאַפֿט, פֿון די געזעלשאַפֿטליכע בעציעהונגען
היינט אויך אָפּ, מיט וואס פֿיר איין קראַפֿט זיי ענטוויקלען זיך אין יעדער
קלאַסס בעזונדער און ווי מען ווענדט זיי אָן אין יעדער קלאַסס. ביי היינטיגען
טאג פֿערשטייט זיך, ווייזען זיך די געפֿיהלען שטארק ארויס ביי דעם פּראָלע=
טאַריאַט, וואס זיין שטארקסטע געוועהר אין זיין קלאַססען קאַמפּף בעשטייט
אין די פֿעסטגעשלאָסענע רייהען פֿון זיינע חברים; געוויינליך זיינען זיי נור
שוואַך ענטוויקעלט ביי די פֿערמעגענדע קלאַססען, ווייל דער געזעלשאַפֿטלי=
כער כח פֿון יעדער מיטגליעדער היינגט אָפּ פֿון די גרויס פֿון זיין פֿערמעגען.
און זיין פּערמעגען קען ווערען פֿערגרעסערט ניט נאָר דורך
די עקספּלואַטאַציאָן פֿון אנדערע קלאַססען, נאָר אויך דורך די ארויסשטופּונג
פֿון אייגענע מיטגליעדער.

די פּריוואַט אייגענטום און די קאָנקורענץ, דאָס זיינען צוויי מעכטיגע
סבות, צוליעב וועלכע די סאָציאַלע אינסטינקטען ווערען אָפּגעשוואַכט. דאס
וואָס ביי דעם פּראָלעטאַריאַט איז ניטאָ קיין פּריוואַט אייגענטום פֿערשטאַרקט
דיזע געפֿיהלען. טאַקע צוליעב זייער קלאַססען=קאַמפּף איז דער געזעלשאַפֿט=
ליכער גייסט ביי דעם פּראָלעטאַריאַט א סך שטארקערער און בעזונדערע
אינטערעסען פֿערנעהמען אין דעם פּראָלעטאַריאַט און דעריבער אויך אין דער
סאָציאַל=דעמאָקראַטיע פּיעל ווייניגער אָרט, ווי אין די בורזשואזע פּאַרטייען.

דאָס אַלץ איז גערעדט אָבער וועגען גאַנצע קלאַססען און ניט וועגען
בעזונדערע פּערזאָנען. אין דעם פּראָלעטאַריאַט איז אויך דאָ פּערזאָנען וואָס
זייערע סאָציאַלע שטרעבונגען זיינען שוואַך ענטוויקעלט. פֿון צווייטען זייט
טרעפֿען מיר אָפֿט אין די הערשענדע קלאַססען פּערזאָנען מיט שטאַרק ענט=
וויקעלטע סאָציאַלע געפֿיהלען. דער אונטערשיעד איז אין דעם, וואס צווישען
די פּראָלעטאַריער ווערט דער מענש אַלץ ווייניגער געאַכטעט, וואָס שוואַכער
עס זיינען זיינע געזעלשאַפֿטליכע געפֿיהלען, וואס העכער ער שטעלט זיין
אייגענע טובה איבער דעם גליק פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. צווישען דער
בורזשואַזיע פֿערקעהרט קוקט מען ניט אזוי אויף דעם און ווען איינער איז
מקריב מיט זיין אייגענעם ווילטאָג צוליעב די אינטערעסען פֿון אַנדערע און
ויען נאָך דאס זיינען שוואַכערע, ווערט דאס גערעכענט פֿיר אַמשוגעת. ווער עס
האָט איין שטאַרקען סאָציאַלען געפֿיהל, ביי וועמען עס איז אַיין שטאַרקע
קעמפֿענדע נאַטור, ווער עס בעגוגענט זיך ניט מיט געוואוינליכע וואוילטהע=
טיגקייט, נור ער וויל אויך נעהמען איין אַנטייל אין קאַמפּף געגען די קוועלען
גופא, פֿון וואַנען עס נעמט זיך נויט און אָרימקייט, געגען די ערנידערונג און
בעליידיגונג פֿון מענשען, יענער קען זיך ניט געפֿינען און די עקספּלואַטאַרי=
שע פּאַרטייען. אויב ער וויל קעמפֿען פּאָליטיש האט ער קיין אנדער ברירה
ניט, ווי צו צושטעהן צו דער פּאַרטיי פֿון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַססען=
קאַמפּף, צו דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע. פֿון איין זייט מוז אויף אַזא אופן דער
פּראָלעטאַריאַט זיין קאַמפּף געגען זיין אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציאָן
פֿערברייטערן אין איין קאַמפּף געגען נאָר וואָס פֿיר איין

עקספלואטאציאן און אונטערדריקונג; ער איז גענויטיגט דעם קאמפף פיר זיינע קלאססען-אינטערעססען אומענדערן אין איין קאמפף פיר אלגעמיינע פרייהייט און יושר. פון דער אנדערער זייט צוליעב די בעזונדערע אייגענהייט פון פערשיעדענע קלאססען מוזען אלע קעמפפער פיר אלגעמיינע פרייהייט און גערעכטיגקייט, פון וואס פיר איין קלאסס זיי זאלען ניט ארויסקומען, צושטעהן צום פראלעטאריאט און נעהמען איין אנטייל אין זיין קלאססען-קאמפף.

דער קלאסס און די געזעלשאפט.

1) די אידעאלע געזעלשאפט פון די פעאדאלען.

א גאנצע זאך איז שטענדיג גרעסער פון דעם טייל. איבער דעם קלאססען אינטערעס דאריבער שטעהט דער כלל אינטערעס, דער אינטערעס פון דער געזעלשאפט. נאר מען דארף ניט מיינען, אז דער געזעלשאפטליכער אינטערעס אונטערשיידעט זיך פון דעם קלאססען-אינטערעס מיט דעם וואס דער קלאססען-אינטערעס בעשטייט פון די אינטערעסען, וואס יעדער קלאסס בעזונדער האט, דער ערשטער פערקעהרט, בעשטייט פון די אינטערעסען, וואס זיינען גילטיג פיר אלע קלאססען פון דער געזעלשאפט; אלע קלאססען פון איין בעשטימטער געזעלשאפט, קומט דאן אויס, האבען איין אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען אינטערעס און מען קען דעריבער ריידען ניט נאר מכח דעם קאנטראסט צווישען די קלאססען אינטערעססען, נאר אויך וועגען די אחדות פון אלע קלאססען. דאס וואלט אבער געווען איין גרויסער טעות. די אלגעמיינע געזעלשאפטליכע אינטערעססען זיינען אזוי אייננ פערבונדען מיט די בעזונדערע קלאססען-אינטערעססען, אז זיי קענען ניט זיין איינע ביי אלע קלאססען. ביי אונז האט זיך גיכער ארויס געוויזען, אז די בעציעהונג פון פערשיעדענע קלאססען צו די כלל אינטערעססען איז פונקט אזוי פערשיעדען און געגענזעצליך, ווי די אינטערעססען פון די קלאססען גופא. בולט'ער ווי אומעטום ווייזט זיך דאס ארויס אין דעם געזעלשאפטליכען אידעאל, וואס עס שטעלען ארויס די שטארקסטע דענקער פון יעדער קלאסס, וואס זעהען ווייטער, ווי דאס, וואס עס טהוט זיך ביי זיי אונטער דעם נאז. דער אידעאל איז ניט פשוט איין שפיעל-צייג ביי זייער קאפריזנעם געדאנק נור ער האט איין פראקטישע בעדייטונג, ווייל ער גיט די מעגליכקייט ארומצונעהמען אלע פערשיעדענארטיגע געזעלשאפטליכע שטרעבונגען פון דעם קלאסס אלס איין פעראייניגטע בעוועגונג נאך איין בעשטימטע ריכטונג. יעדער קלאסס האט זיך זיין טיפ פון איין געזעלשאפטליכען אידעאל, וואס ווייזט זיך שטענדיג ווידער ארויס, ניט קוקענדיג אויף אלע ארטיגע און צייטווייליגע אומבייטונגען. פונקט אזוי ווי די פערשיעדענע קלאססען פון היינטיגער געזעלשאפט קען מען פעראייניגען אין דריי גרויסע קלאססען אנטקעגען וועלכע די אנדערע קען מען רעכענען פיר זייטיגע און צווישענדיגע, אזוי קען מען אויך די מאססע געזעלשאפטליכע אידעאלען גרופפירען נאך 3 טיפען: פעאדאלען אדער רעאקציאנערען, ליבעראלען אדער אין דער אמת'ען קאנסערוואטיווען און סאציאליסטישען אדער באמת פראגרעססיווען. די אידעאלען שטעהען איינע צו די אנדערע אויך אזוי פיינדליך, ווי די פראקטישע אינטערעססען פון די דריי קלאססען. דער ערשטער אידעאל איז צוגעפאסט צו די אינטערעססען פון די ערד בעזיצער, איבערהויפט פון די גרויסע; דער קליינער ערד בעזיצער בעקומט דאך זיין הכנסה מעהר פון זיין אייגענע ארבייט, ווי פון זיין אייגענטום;

ער פֿערנעהמט בכן איין מיטעלסטען אָרט, ער דריקט ניט אוים דעם ריינעם טיפּ פֿון די אָנהייגגער פֿון דיעזען אידעאַל. די ערדבעזיצער האָבען זיך גאַנץ גוט איינגעלעבט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, זיי האָבען פֿערנומען אין ר איין פּריווילעגירטע לאַגע. זיי בעקומען זייער הכנסה אָהן קיינע מאַטערנעס און טהוען פֿיר קיינעם קיין זאך ניט אויף; דיא הכנסה בעקומען זיי פֿיר דעם מעהר ניט, וואָס זיי געהערט די ערד, און ניט פֿיר די בעאַרבייטען די ערד, די ערד-רענטע בעקומט זיך אין איהר ריינע פֿאָרמע ביי די סיסטעם, ווען דער פּויער אַרענדירט די ערד, וועלכע ער בעאַרבייט, וואו דער בעל הבית אויף די ערד און דער וואָס פֿיהרט די ערדווירטשאַפֿט זיינען צוויי בעזונדערע פּערזאָ=נען. די ערד רענטע האָט זיך אין דעם יאָהרהונדערט שטענדיג געהויבען אַחוץ איינינע ערטער, וואו זי האָט זיך אַ ביסיל אַראָפּגעלאָזען. ניט קוקענדיג אויף דעם פֿיהלען זיך די ערד בעזיצער אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט ניט גוט. זייער לאַגע איז אַבסאָלוט. ד. ה. ווען מיר זאָלען ניט נעהמען אין אַכט אַנדערע קלאַססען, פֿערבעסערט געוואָרען, אָבער פֿערהעלטניסמעסיג איז זי אַוועק אַ פֿולע אויף צו ריק. און די לאַגע, וואָס דער קלאַסס פֿערנעהמט אין דער געזעלשאַפֿט הייננט אָפּ ניט פֿון דעם אַבסאָלוטען פּראָגרעסס, וואָס ער האָט געמאַכט, נור פֿון דעם פּראָגרעסס, וואָס ער האָט געמאַכט אין פֿערגלייך מיט דעם פּראָגרעסס פֿון אַנדערע קלאַססען. און דער קלאַסס פֿון ערד בעזיצער, די ערד איינענטום, וואָס איז געווען אזוי מעכּטיג אין מיטעלאַלטער פֿילט מיט בימערקייט, אַז דער קאַפּיטאַל יאָגט איר אַלץ מעהר איבער. אמת, די ערד=רענטע וואַקסט אין דער צייט, ווען דער פֿערדיענסט און דער קאַפּיטאַל פֿאַלען, אָבער די ערשיינונג קען אַריין פֿיהרען אין אַ טעות. די ערד רענטע וואַקסט פֿון יעדער בעשטימטער פּלאַץ ערד, למשל, פֿון יעדער דעסיאַטין (אַ דעסיאַטין איז 2400 קלאַפֿטער) נאָר דער גאַנצער שטח ערד, וואָס ווערט בעאַרבייט אין די אַלטע קולטורעלע לענדער פֿערגרעסערט זיך גאַנץ ווייניג. דער ריוח פֿון דעם קאַפּיטאַל ווערט טאַקע ווייניגער אין פֿערהעלטניס צו יעדער בעש-טימטער סומע, אָבער דער גאַנצער קאַפּיטאַל פֿערגרעסערט זיך אָהן אַ צאָהל. דעריבער איז דער גאַנצער ריוח פֿון קאַפּיטאַל, וואָס קומט אוים אויף דעם חלק פֿון דעם גאַנצען קלאַסס קאַפּיטאַליסטען, וואַקסט אַ סך גיכער, ווי די גאַנצע סומע ערד הכנסה, וועלכע עס בעקוממען אלע בעלי-נחלות. לאָמיר זיך למשל פֿאָרשטעלען, אַז אין דער נייצעהנטען יאָהר הונדערט האט זיך די ערד רענטע פֿון גאַנצע לאַנד פֿערגרעסערט אין צוויי מאָל. דער שטח ערד אָבער איז געבליבען דער זעלבער. דאַן איז דער גאַנצער איינטראָג פֿון דעם קלאַסס ערד-בעזיצער געוואָרען אין צוויי מאָל גרעסער. לאָמיר רעכענען, אַז ער האָט זיך פֿערגרעסערט ביז 1000 מיליאָן פֿון 500; אין די זעלבע צייט האָט זיך דער פֿערדיענסט אין פּראָצענטען פֿערקלענערט אויף העלפֿט; פֿון 20 פּראָצענט אויף 10. דערפֿאַר אָבער האָט זיך די גאַנצע סומע קאַפּיטאַל פֿערגרעסערט אין 20 מאָהל, אַלזאָ איז די גאַנצע זייערע הכנסה געוואַקסען אין 10 מאָל, פֿון 200 מיליאָן למשל ביז 2000 מיליאָן. דער רייכטהום און די עקאָנאָמישע מאַכט פֿון די קאַפּיטאַליסטען אין פֿערגלייך מיט די ערד בעזי=צער איז געוואָרען אין פֿינף מאָל ווייניגער, ווי אין אָנהויב יאהר הונדערט.

די אלע ציפֿער, וואס זיינען דאָ געבראַכט, זיינען פֿערשטייט זיך, גע-נומען פֿון אונזער איינענע קאָפּ, אָבער פּאַקטיש גייט טאַקע די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג אין דער ריכטונג.

די ערד איינענטום ווערט ניט נאָר עקאָנאָמיש אָפּגעשטופּט אויפ'ן הינטער

שטעהן פלאַן, נור אויך פּאָליטיש. אין די צייטען פֿון פעאָדאַליזמוס איז די הויפּט בעשעפֿטיגונג געוועזן די ערדווירטשאַפֿט פֿון דעם קליינעם פויער, וואָס האָט איהם זעלבסטשטענדיג געפֿיהרט. אָבער אַזאַ בעשעפֿטיגונג ציעהט אַזוי אַריין דעם מענשען און שניידט איהם אויך אַזוי פֿיעל אָפּ פֿון דער גאַנצער איבעריגער וועלט, וואָס געפֿינט זיך אַ חוץ זיין דאָרף, אַז ער פֿערליערט די מעגליכקייט צו קלעהרען וועגען זיינע פּאָליטישע און אַנדערע וויכטיגע אינטערעסען און נעהמען אַיין אַיינטייל אין דעם קאַמפף, וואָס קומט פֿאָר אַרום איהם. ער גיט איבער אַנדערע זאָלען זאָרגען וועגען דעם: די רייטער, די גייסטליכע די געדונגענע טשינאָווניקעס און זייערע הערען, די פירסטען, וועלכע פלעגען אויסנוצען די קראַפֿט, וואָס זיי האָבען אויף אַזאַ אופן בעקומען מעהר כדי נאָך שטאַרקער צו פֿערשקלאַפֿען די פויערים און אַרויסזויגען פֿון זיי די בלוט, אַיידער אויף זיי צו בעשיצען. ווען די קליינע פויערשע בעל-הבית'שקייט איז דער עקאָנאָמישער באָדען פֿון דער מלוכה, דאַן מוז בעקומען די הערשאַפֿט די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע, אָדער דער דעספּאָטיזמוס נאָך דעם טיפּ פֿון מזרח לענדער. נור ביי בעזונדערע גינסטיגע תנאים, ווי אין די אַמאָליגע שווייץ אָדער אין דער האָלאַנדישער פֿרידלאַנד, האָבען די פויערים געקענט אויסמיידען אַזאַ פֿערקנעכטונג. איז דאָס די פֿערהיטונג פֿון די דעמאָקראַטישע פֿרייהייט איז גיכער אין די ערטער געוועזן צוליעב דעם וואָס די פויערים האָבען זיך פֿערנומען איבערהויפּט מיט לאָנקעס און ניט מיט אַקער פֿעלדער און ניט צוליעב די גאַטירליכע בעשיצונגס מיטלען אין די לענדער. דאָרט וואו דער פויער בעאַרבייט איבערהויפּט די ערד, דאָרטען ווערען די זעלבע פויערים פֿערשקלאַפֿט.

און די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע ווערט פֿערטריבען פֿון דעם גן-עדן, ווי עס ענטוויקעלט זיך, נאָר איין שטעדטישע אינדוסטריע. פֿון איהר ענטוויקלען זיך קלאַססען, וואָס ווערען אַלץ פֿיינדליכער דער אַריסטאָקראַטיע און וואָס פֿערניכטען סוף כל סוף איהר מאַכט ניט נור אין די שטעדט, נור אויך אין די דערפֿער. דאָס זיינען געוועזן די פּראָלעטאַריער און די בירגער פֿון די שטעדט, וואָס האָבען בעפֿרייט די פויערים פֿון דעם יאָך פֿון די אַריסטאָקראַטען, די זעלבע, וואָס האָבען צושטערט באַסטיליען, האָבען אונטער געבראָכען דעם פֿונדאַמענט פֿון די שקלאַווערייי פֿון די פויערים ניט נור אין פֿראַנקרייך, נור אין האַלב-אייראָפּא; די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערע אַרמעען האָבען אויפֿגעטהאָן פֿיר די בעפֿרייהונג פֿון די פויערים אין שווייץ א-סך מעהר, ווי די געריהמטע אַלטע קאַנטאָנען פֿון טעלל'ס און ווינקעלריד'ס היימאַט. די לעצטע האבען אמת זיך ערקעמפּפט פֿרייהייט, אָבער אויף זייערע שכנים האבען זיי ארויפֿגעלייגט נאך א שווערערען יאָך. וואס שטאַרקער עס וואַכסט די שטעדטישע אינדוסטריע, אַלץ א גרעסערע געפֿאַהר שטעהט פֿאַר דער פּאָליטישער קראַפֿט פֿון די גרויסע ערד בעזיצער. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער קלאַסס פֿיהלט זיך ניט גוט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, אין וועלכען די הכנסה פֿון די ערד וואַכסט טאַקע, אבער אין וועלכען זיין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע ווערט אַלץ ערגער. פֿערשטייט זיך, ביי בעזונדערע גוטע בעדינגונגען קען די פּאָליטישע מאַכט פֿון דער ערד אייגענטום וואַכסען אויך אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. די געזעלשאַפֿטליכע כחות מוזען זיך ניט דוקא אויסגיסען שטריינג אין איין ריכטונג. אָבער אַ צייט קענען די כחות ניט גיין אין פֿערשיעדענע ריכטונגען און די עקאָנאָמישע לאַגע האט סוף כל סוף די שטאַרקסטע ווירקונג. דאָרטען, וואו

די פּאָליטישע מאַכט פון וועלכען עס איז קלאַסס האַט זיך געשטעלט אין איין ווידערשפּרוך צו זיין עקאָנאָמישער קראַפט, דאָרט מוז זיא אים ענדע ווערן גיבראָכען, און וואס גרעסער עס איז דער ווידערשפּרוך, וואס לייננער ער געדויערט, אלס איין גרעסערע קאַטאַסטראָפע קומט פאָר ביי איהר ענדליכע מפּלה.

עס איז קיין וואונדער ניט דעריבער, וואס דיא ערדבעזיצער, ניט קוקענדיג אויף זייער פּריווילעגירטע לאַגע, בײנקען נאָך אַ ברייטערען עקאָנאָמישען פונדאַמענט ווי דעם, וועלכען זיי האָבען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, נאָך אזא שטאַרקען פונדאַמענט, וויא זיי האָבען גיהאַט אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. אזא געזעלשאַפט—דאס איז זייער אידעאַל, איהר מחיה המתים זיין—דאס איז זייער העכסטער פערלאַנג. פערשטייט זיך, זיי מאָלען זיך אזא פעאָדאַלע געזעלשאַפט, אין וועלכע עס איז ניטאָ קיין שאָטענ־דיגע זייטען, נור היילע ליכטיגע זייטען, אזא געזעלשאַפט וואו עס ווערען פעראייניגט דער גאַנצער פּראַכט פון דער ראָמאַנטיק מיט דיא אלע פערגעניגען פון אונזער צייט. אזא געזעלשאַפט איז אבער אונמעגליך. דער ליכט און דער שאָטען פון דער געזעלשאַפט זיינען שטאַרק פערבונדען איינער מיט דעם אַנדערען און קענען ניט פערנאַנדערגענומען ווערען, ווען מען וויל. ווער עס וויל האָבען היינטיגע פערגעניגען, יענער מוז אויך נעהמען מיט זיך די אַלע טעכנישע און סאָציאַלע איינריכטונגען, וואס זיינען נויטיג כדי זיי איינצואַרביי־טען. ווער עס וויל האָבען צוריק דעם מיטעלאַלטער, מוז אויך האָבען זייער באַרבאַריי.

דער פעאָדאַלער געזעלשאַפטליכער אידעאַל איז גיוואָרען אונמעגליך אבער דאָך איז ער איין גאַנץ בעדייטענדער קראַפט אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען. דער אידעאַל ווייזט אָן די ריכטונג, דיא אלע פּראַקטישע געזעל־שאַפטליכע שטרעבונגען פון דיא פּאַרטייען, וואָס דינען דיא אינטערעסען פון דעם ערדאייגענטום. יעדער פּראָגרעס אין דער געזעלשאַפט וואַרפט אויף זיי איין אימה, יעדען רעאַקציאָנערען טריט בעגעגענען זיי מיט פרייד, ווען אפילו ער האַט ניט קיין נאָהענטע שייכות מיט זייערע קלאַססען אינטערעסען, אין דער ווימענשאַפט, אין קונסט, אין קורכע, אין די אינדוסטריעלע איינאָרדנונג למשל, בנוגע צו די (צעכען), אויף וויפיעל זייער ערד־הכנסה הייננט ניט אָפּ פון דעם עקאָנאָמישען פּראָגרעסס. דאָן, פערשטעהט זיך איז דער אינטערעס פון זייער קלאַסס און אָפט גאָר פון פרט, שטאַרקער פון אידעאַל. בכלל קען מען זאָגען, אז די כלל־אינטערעסען פון די גרויסע ערד־בעזיצער זיינען גאָר אַנדערע, ווי די אינטערעסען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. זיי קען מען ניט פעראייניגען, זיי געפינען זיך אין איין שטאַרקסטע שנאה. די געזעלשאַפטליכע אינטערעסען פון דעם גרויסען ערדאייגענטום זיינען געוואָרען איין פיינדליכער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט.

די ליבעראלע אידעאלע געזעלשאפט.

ניט פיל בעסער איז מיט די כלל-אינטערעסען ביי דעם קאַפּיטאַליס־טישען קלאַסס. ער איז מעהר פון אַלעמען פעראינטערעסירט אין דעם, אז עס זאָל פערבלייבען דער היינטיגער אָרדנונג, וואס ברייננט מעהר ניט איהם איין טובה. די בעלי־הבתים פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען זיינען אויך די הערשער איבער די פּראָדוקציאָן און אויך צוזאַמען איבער דער גאַנצער

געזעלשאַפֿט. די טעכנישע ענטוויקלונג בעשאַפֿט אין היינטיגע צייט אַלץ מעהר פּראָדוקציאָנס מיטלען (מאַשינען, געביידעס, רויהע פּראָדוקטען, טראַנספּאָרט־מיטלען), וואס זיינען זייער טייער אין פֿערגלייך מיט דעם צאָהל אַרבייטער און מיט די באַלוינונג, וואס בעקומען די ארבייטער. דאס אַליין דאַרף שוין מאַכען פון די פּראָדוקציאָנסמיטלען איין פּריווילעגיע פֿון דער בורזשואַזיע, ווען עס הערשט די פּריוואַטאייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנסמיטלען, און צוליעב דעם ווערט איהר קראַפֿט אין איהר עקספּלואַטאָרישע פֿייהיגקייט אַלץ גרעסער. אין דעם זעלבען ריכטונג ווי די טעכנישע ענטוויקלונג, ווירקט אויך די עקאָנאָמישע, וואס פֿאַראייניגט אַלץ מעהר די פּראָדוקציאָנסמיטלען אין וויינינג הענד. בעזונדערס פֿערגיכערן די ענטוויקלונג די קארטעלען און די טרעסטען.

אֶמת, מען ענטפֿערט אויף דעם, אז די ענטוויקלונג בעגעגענט זיך מיט איין שטאַרקערע ערשיינונג, וואס פֿיהרט אַז די אייגענטום זאָל זיך פֿער־נאַנדערגיין אין וואָס מעהרער הענד. א דאַנק די אַקציאָנערע געזעלשאַפֿטען ווערט די צאָהל פֿערמעגענדע, די צאָהל פֿון די בעלי־הבתים אויף די פּראָדוקציאָנסמיטלען גרעסער און ניט קלענער. דערוויזען דאס מיט סטאַטיס־טישע פֿאַקטען האָט מען ניט גיפּרובט, די פֿאַקטען ווייזען גיכער פּונקט פֿערקעהרט. נור אויב מיר ווילען אפילו יע רעכענען, אז עס איז אזוי, דערווייזט דאס אויך קיין זאַך ניט געגען דעם קאָנצענטרירונג פֿון דעם קאַפּיטאַל, געגען די ערשיינונג, וואס ער קלייבט זיך צוזאַמען אין איין פּונקט. די קאָנצענטרירונג קומט פֿאָר אין דעם פּראָצעס פֿון פּראָדוקציאָן גאָר בעזונדער פֿון די ערשיינונג, וואס קומט פֿאָר ביי דעם פֿערנאַנדערטיילונג, וואס עס וואַקסט דער צאָהל אייניטיילנעהמער, וועלכע בעקומען פּראָדוקטען. אָבער דער וויכטיגסטער פּראָצעס אין דער געזעלשאַפֿט דאָס איז דער פּראָדוקציאָנספּראָצעס און ניט דער פּראָצעס פֿון פֿערנאַנדערטיילונג. איך וועל עס ערקלערען מיט א משל. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען, אז אין וועלכע עס איז לאַנד איז דאָ איין פּראָדוקציאנסצווייג וואָס באַשטייט פֿון 100 פֿאַבריקען, יעדערע קאָסט א מיליאָן און יעדערע האָט זיך איהר בעל-הבית. איין טרעסט מאַכט פֿון זיי פֿון בעזונדערע פֿער־מעגענס איין אַקציען-אייגענטום, אבער ער פֿעראייניגט זיי אין דער זעלבער צייט אונטער איין פֿיהרונג. די אַקציען ווערען פֿאַרנאַנדערגעטיילט צווישען 1000 בעלי־הבתים. די צאָהל פֿון די בעלי־הבתים פון דיא 100 פֿאַבריקען האט זיך אויף דעם אופן פערגרעסערט אין צעהן מאָהל, אָבער פֿונדעסטוועגען איז איצטער דער פּראָדוקציאָנסצווייג מאָנאָפּאָליזירט אין איין אונטערנעהמונג, זיין הערשונג איבער דעם אַרבייטער און איבער דעם סחורה־מאַכער, זיין שעד־ליכקייט און אונערטראָגבאַרקייט איז די זעלבע, צו די הכנסה פֿון די מאָנאָפּאָל קומט אַריין אין איין קעשענע, אדער אין טויזענד. אָט דאס איז דער קאַפּי־טאַליסטישער קלאסס, וואָס זייערע רייכטהימער זיינען אַלץ געוואַכסען צוליעב די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון דעם היינטיגען געזעל־שאַפֿטליכען אָרדנונג.

פֿערשיעדענע אַדוואָקאַטען פֿון דעם הערשענדען אָרדנונג ווילען דאס ניט ערקענען; זיי ווילען אונז איינשמועסען אז דער טייל וואס די קאַפּיטאַליסטען

[1]) קארטעלען און טרעסטען ווערען אנגערופען פֿאַראייניגען פון קאפּיטאליסטען בדי ניט צולאזען די פּראדוקטען אונטער וועלבע עס איז פּרייז אדער כדי איינצוקויפען די רויהע פּראדוקטען אויף געוויסע פּרייזען וועלכע זיי אליין בעשטימען.

בעקומען פֿון אלע פּראָדוקטען פֿון פֿאָלק ווערט אַלץ קלענער. ווייל דער פֿער־
דיענסט פֿערקלענערט זיך, אין די צייט ווען די ארבייטסלאָן ווערט גרעסער.
אבער די דאָזיגע דענקער האבען פּראָסט גימאַכט איין קונץ. מיר האבען
פֿריהער איינגעוועהען, אז די הויכקייט פֿון דעם פֿערדיענסט פֿאַלט טאַקע,
אָבער די גאנצע סוממע פֿערדיענסט פֿון דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען קלאסס
וואַכסט אפילו נאָך גיכער, ווי די הכנסה פֿון די ערד. זי וואַכסט אויך גיכער
ווי דיא גאַנצע מאַססע שכירות פֿון די ארבייטער. דער גיכער וואוכס ווערט
פֿערשטעלט מיט דעם, וואס דער קאַפּיטאַל, וואס איז נויטיג אויף איין ארביי־
טער וואכסט נאָך גיכער צוליעב דעם גרויסען טעכנישען פּראָגרעסס. דער
פֿערדיענסט פֿון יעדען ארבייטער ווערט דעריבער גרעסער, אבער אין פֿער־
גלייך מיט אגעוויסע סוממע קאפּיטאַל ווערט ער קלענער. א משל ערקלערט
דאס דייטליך.

פֿריהער, האָבען מיר אָנגענומען אז די סוממע קאַפּיטאל אין וועלכע עס
איז לאנד איז פֿערגרעסערט געוואָרען אין 20 מאָל אין דעם לעצטען יאָהר־
הונדערט און די הויך פֿון פֿערדיענסט איז געוואָרען אין 2 מאָל קלענער.
לאָמיר אויך אָנגעהמען, אז די צאָהל ארבייטער איז געוואָרען אין 3 מאָל
גרעסער, שכירות באקומען זיי מיט אהעלפֿט מעהר, אויף 50% מעהר. די
גאנצע סוממע ארבעטסלוין וועט זיך פֿערגרעסערן אין $4^1/_2$ מאָל און די גאַנצע
סוממע קאפּיטאליסטישע רֶיוַח וועט זיך פֿערגרעסערן אין 10 מאָל, כאָטש דער
פּראָצענט, וואס דער קאַפּיטאליסט פֿלעגט פֿריהער בעקומען איז גיוועזן 20 און
איצטער בעקומט ער מעהר ניט ווי 10 פּראָצענט. דאס איז ווייטער ציפֿער,
וואָס מיר האָבען אליין אויסגיקלערט, אבער זיי ווייזען מעהר אדער ווייניגער
דעם ענטוויקלונגס גאַנג. ווען מיר וועלען זיך צוקוקען צו די סטאַטיסטיק, וואָס
דער געלעהרטער באוולי ברייגנט, וואָס מען קען זיי אפילו ניט אין גאנצען
טרויען, נאָר וועלכע זיינען דאָך די ריכטיגסטע פֿון די, וואס טויגען פֿיר
אונזער ציעל און שטעלען אונז פֿאָר די לאַגע גיכער און איין צו העלען ליכט,
ווי און איין צו פֿינסטערן, וועלען מיר דאָן בעקומען, אז אויף יעדען ארבייטער
איז אויסגיקומען דורכשניט

ארבעטס־לוין	(דער פערדינסט צוזאמען מיט די זייטיגע הוצאות)
אין 1860 יאהר: 369 רובל	354 רובל
„ 1891 „ 515	„ 577

די גאנצע סוממע מעהרווערט איז בכן געוואַכסען גיכער ווי די ארבייטס־
לוין. אויב אין דער זעלבער צייט וואָלט די גאַנצע סוממע קאפּיטאל גיוואכסען
פֿון 500 רובל אויף 1000 וואָלט די הויכקייט פֿון גאנצען פֿערדיענסט אין
פּרייסען זין געפֿאַלען פֿון 19% ביז 12%. דאָס בעווייזט, אז פֿון דעם פֿאַלען פֿון
דעם פֿערדיענסט קען מען ניט דרינגען, אז עס פֿערשטאַרקט זיך ניט די
עקספּלואַטאַציאָן.

דער קלאסס קאפּיטאליסטען האָט דער ריוח פֿאַלט און די ערד הכנסה
און דיא ארבייטסלוין פֿערגרעסערט זיך פֿיהלט זיך גאר ניט ווי אשטיף־קינד
אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. פֿערקעהרט, ער פּראָטעסטירט זייער מוטהיג
אפילו געגען דעם געדאַנקען איינצופֿיהרען איין אַנדער געזעלשאַפֿט אַנשטאָט
דעם איצטיגען. די געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג, וואָס איז איצטער דאָ, פּאַסט
גאַנץ גוט פֿאַר די בעדערפֿניסען פֿון די קאַפּיטאַליסטען און זיי ווילען קיין
אנדערען ניט האבען. דער געזעלשאַפֿטליכער אידעאַל פֿון אונזערע פֿריידענ־
קענדע פּאָליטיקער און דענקער ווערט דעריבער געבויט אויף די פּרינציפּין

פון היינטיגען ארדנונג. ער שטעלט מעהר ניט פאר די אידעאליזירונג פון דער היינטיגער געזעלשאפט ד. ה. עס זוכט מעהר ניט אויס זיינע ליכטיגע זייטען און מאכט זיך ניט וויסענדיג פון די שאטענדיגע. עס איז ניטא אזא מענש וואס זאל זיך פרייהען, ועהענדיג ארימקייט און נויט, אונוויסענהייט און גראבקייט, קריזיסען און קאטאסטראפען. די אידעאלע ליבעראלע געזעלשאפט איז אויך אזא אופן די זעלבע היינטיגע געזעלשאפט אהן זיינע אנגעוואכסענע „ווילד פלייש", וועלכע מען ערקלערט אלס קינדערקראנקהייטען, וואס דארפען אפגעשאפען ווערן דורך די „ארגאנישע ענטוויקלונג". אונטער דעםווארט „ארגאנישע ענטוויקלונג" פערשטעהען אונזערע ליבעראלען די היילונג פון די געזעלשאפטליכע פעהלערען מיט פערשיעדענע באבסקע רפואות; דערביי סטארעווען זיי זיך מיט אלע כחות ניט אנצוריהרען חס ושלום דעם פונדאמענט פון די עקזיסטירענדע געזעלשאפט. ווי מען הויבט נאר אן צו ריידען וועגען בעגרענצען די דעספאטישע רעכט פון דעם קאפיטאליסט ביי איהם אין שטוב, ד. ה. אין זיין ווערקשטאט, וואו עס הארעווען פיר איהם ארבייטער, אדער ווען מען רעכענט איינצופיהרען איין וועלכע עס איז בעגרענצונג פון זיין פערדיענסט, דאן טרייסעלט זיך אפ די „ארגאנישע ענטוויקלונג" מיט שרעק. אריבערגעהן דעם גבול איז פערוועהרט מיט איין אפשוי, ווי איין רעוואלוציאן אדער ווי איין קאנפיסקאציע פון אייגענטום.

די שטרעבונג צו פערדיענען איז די שטארקסטע טרייבענדע קראפט אבער אויך דער שטארקסטער צוים פיר די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט. און דער יוגענד האט די שטרעבונג מיטגעבראכט דעם גרעסטען פראגרעס, אויף דער עלטער איז זי געווארען די שטארקסטע שטערונג צום פראגרעס.

מיט עקשנות גיט דער קאפיטאל זיך ניט אונטער אונטער אזא פאדערונג, ווי איין אבשעהדיגען ארבייטסטאג, וואס שטערט אים גאר ניט אין זיין פערדיענסט, וואס וואלט ביי דעם יעצטיגען צושטאנד פון די טעכניקע גיקענט דורכגעפיהרט ווערען אן איין היזק פיר די פראדוקטיוויטעט פון די פאלקס-ארבייט. די קאפיטאליסטען האבען אבער מורא פאר די לייריגע צייט, וואס דער ארבייטער וועט בעקומען. דער ארבייטער וואלט קענען אויסנוצען די צייט אויף זיך צו בילדען, אויף צו ענטוויקלען און פערשטארקען זיין ארגאניזאציאן, אויף בעסער אבטונגצוגעבען נאך זיין פאליטישען און פראפעסיאנאלען קאמפף.

וואס מעהר די קאפיטאליסטישע אופנים פון פראדוקציאן ווערען די הערשענדע, אלץ מעהר קאנסערוואטיוו ווערען די קאפיטאליסטען. זיי הייבען אן זיך מסתפק צו זיין אין דעם פראגרעס, זיי שרעקען זיך שיין וויינער פאר די פינסטערע כחות, וואס טרעטען ארויס געגען יעדער פראגרעסס און וואס שפראצען טיעף פון די אינטערעסען פון די גרויסע ערד-בעזיצער, און זיי פעראייניגען זיך עפטער מיט די כחות. אט דערפאר האט זיך דאס אזוי געהויבען די פאליטישע מאכט פון די אגראריער, וואס איז דאך אזא גרויסער היפוך פון זייער עקאנאמישער שוואכהייט. אט דערפאר איז דאס אזוי אפגעשוואכט געווארען דער קאפיטאליסטישער אידעאליזמוס, דער ליבעראליזמוס. די קלאססען-אינטערעסען פון דער בורזשואזיע שאפען פונקט אזא פארשטעלונג וועגען דער געזעלשאפט, וואס שטימט אויך אזוי ניט מיט איהר פראגרעם און מיט איהר בליהונג, ווי דער אידעאל פון די פעאדאלען.

3) דער סאָציאַליסטישער אידעאַל.

דער קלאַססען־אינטערעס פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט איז גאָר איין אַנדערער, זיין אידעאַל ווערט ניט גיבויט אויף דעם רעכטליכען באָדען פֿון פּריוואַט־אייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנסמיטלען, ניט אויף דעם עקאָנאָמישען באָדען פֿון דער ווירטשאַפֿט צוליעב פֿערדיענסט. ער אַלס אקלאסס פֿון פּראָלעטאַריער, ניט נאָר וואָס ער האָט ניט קיין גרונד צו פֿערהיטען די פּריוואַטאייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנסמיטלען, ער איז אין שטאַרקסטען גראַד פֿעראינטערעסירט צו פֿערניכטען דעם סאָרט אייגענטום. די בעלי־הבתים אויף די פּראָדוקציאָנסמיטלען, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזען, הערשען אויך אין דער זעלבער צייט איבער די גיזעלשאַפֿט. דער פּראָלעטאַריער, וואָס מוז ארבייטען מיט פֿרעמדע מאַשינען און אינסטרומענטען, איז פֿערמשפּט אויף איין קנעכטשאַפֿט אין דער פּראָדוקציאָן, מען זאָל איבער איהם געוועלטיגען אין דער געזעלשאַפֿט. אזוי ווי די פּראָדוקציאָנסגעצייג ווערען צונויפֿגעקליבען אין ניט פֿיל אונטערנעמונגען, פֿערליערט ער אַלץ מעהר די האָפֿנונג זיך צובעפֿרייען פֿון די קנעכטשאַפֿט אין דער יעצטיגער געזעלשאַפֿט גופא ביי איהר רעכטליכען אָרדנונג, אויף דעם באָדען פֿון פּריוואַטאייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנסגעצייג, און דעריבער שטופּט דער קלאַססען־אינטערעס דעם פּראָלעטאַריער זיך שטעלען פֿיר איין אידעאַל איינצופֿיהרען די אייגענטום פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט אויף די פּראָדוקציאָנסמיטלען.

די זעלבע שנאָה וואָס ער טראָגט צום פּריוואַטאייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנסמיטלען דאַרף ער אויך האָבען צו די ווירטשאַפֿט צוליעב רֶיוַח, וואָס מוז ארויסקומען נויטוועדיג ביי די היינטיגע עקאָנאָמישע תנאים פֿון דער פּריוואַטאייגענטום. רֶיוַח — דאס איז די בעוועגענדע קראַפֿט פֿון היינטיגע פּראָדוקציאָן; וואָס מעהר ריוח — דאס איז די לעבענסאויפֿגאַבע פֿון דעם קאַפּיטאַליסט. דאס דערוועקט אין איהם דעם שטרעבונג פֿערקלענערן די שכירות, פֿערלייגערן דעם ארבייטסטאָג, עקספּלואַטירען פֿרויען און קינדער, ארויסוואַרפֿען אויפ'ן גאַס, מאַססען ארבייטער און פֿערבייטען זיי מיט מאַשינען א. ז. וו.; מיט איין וואָרט, ביי זיי ווערט געבאָרען דער ווילען אָנצונעהמען די אַלע מיטלען, וואס פֿיהרען צו די פֿעראָרעמונג פֿון די ארבייטער. דער שטרעבונג צום ריוח דאס איז די שטרעבונג צום ערנידריגען, מיט מעהר כח עקספּלואַטירען און פֿערשקלאַפֿען די ארבייטער. פֿון די פּריוואַטאייגענטום אויף די פּראָדוקציאָנסגעצייג קומט אויך ארויס די אונאָרדנונג אין דער פּראָדוקציאָן, וואָס ווערט געפֿירט אָן איין פּלאַן: צוליעב די שטרעבונג צו פֿערדיענסט ווערען פֿון איין זייט אָנגעקליבען אַלץ גרעסערע קאַפּיטאַלען, וועלכע ווילען ווי עס איז פּראָדוקטיוו אויסגענוצט ווערען; פֿון אנדערען זייט וואַכסען די רעשטען פּראָדוקטען איבער דעם געברויך פֿון ארבייטערקלאַסס. די פֿעראייניגטע ווירקונג פֿון די אַלע פֿאַקטאָרען בריינגט צו קריזיסען, וואס חזר'ן זיך איבער מיט איין נאַטירליכע נויטוועדיגקייט, צו קריזיסען וועלכע חוץ די צרות פֿין פֿערשקלאַפֿונג און עקספּלואַטאַציאָן, וואָס מאַכען עהנליך דעם שיקזאַל פֿון היינטיגען ארבייטער צו דעם שיקזאַל פֿון די קנעכט און די פּאַנשציזניקעס פֿון די אַמאָליגע צייטען, גיבען זיי נאָך צו נייע צרות פֿון שטענדיגע אונזיכערהייט אין זייער עקזיסטענץ, שטענדיגע שרעקענים פֿאַר ארבייטסלאָזיקייט און פּשוט פֿאַר הונגער־טויט. אַלזאָ, פֿון דעם קלאַססען־אינטערעס פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט וואַכסט ניט נאָר אַרויס דער אידעאַל פֿון געזעלשאַפֿטליכע אייגענטום אויף

די פּראָדוקציאָנסגעצייג, נור מיט דעם איז אויך פֿעראַנדערן דאס רעגוליערן די פּראָדוקציאָן דורך די געזעלשאַפֿט און נור ער שטרעבט צו מאַכען די געזעל-שאַפֿטליכע בעדערפֿעניסען פֿאַר אטרייבענדע קראַפֿט פֿון דער פּראָדוקציאָן אָנשטאָט ריוח.

דיעזער געזעלשאַפֿטליכער אידעאַל איז ניט קיין צופֿעליגער אויסקלער פֿון איין פֿאַנטאזיאָר. ער בעשאַפֿט זיך נויטווענדיג אומעטום וואו דער פּראָ-לעטאַריאַט דערגייט צום פֿערשטאנד פֿון זיין קלאַססען-לאַגע און הייבט אָן זעלבסט צו דענקען. נאָך פֿריהער ענטשטעהט ער ביי די דענקער, וואס ערלערנען די קלאַססען-לאַגע פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט און זיינע אינטערעסען ווערען זייערע אייגענע אינטערעסען. די פֿאַרב, וואָס דער אידעאַל נעהמט אָן אין פֿערשיעדענע לענדער אָדער אפילו אין פערשיעדענע מחות האָט טויזענדער שינוים אין די קלייניקייטען, אבער דער אַלגעמיינער טיפּ בלייבט דערזעלבי-גער שיין דעם גאַנצען יאָהרהונדערט. דאס איז א סמן אז ער קומט ארויס פֿון די טיעפֿסטע בעדערפֿניסען פֿון איין גרויסען קלאַסס און ניט פֿון דעם קאַפּריז אדער פֿון די פֿאַנטאַזיע פֿון עטליכע איינצעלנע פערזאָנען. דעריבער איז דער געזעלשאַפֿטליכער אידעאַל ניט פּראָסט איין אוטאפּיע, נאָר ער איז שיין איצטער איין רעעלע געזעלשאַפֿטליכע קראַפֿט, וואס זיין ווערדע וואַכסט אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל עס וואַכסט די ווערדע פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט איהם בעשאַפֿען. און די קראַפֿט פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט וואַכסט נאָכאַנאַנד ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיין טייל אין דעם נאַציאָנאַלען פּראָדוקט פֿאַלט. זיין עקאָנאָמישער כח בעשטייט ניט אין זיין רייכטום, נור אין זיין צאָל, אין זיין אָרגאַניזאַציאָן, אין זיין אינטעליגענץ, אין זיין עקאָנאָמישער נויטיגקייט. זיין כח בעשטייט ענדליך ניט אין אַ קלענערע מאָס אויך אין דעם פֿאַקט, וואָס זיינע קלאַססען-אינטערעסען גייהען צוזאמען מיט די אינטערעסען פֿון דעם גאַנצען פּראָגרעסס פֿון דער געזעלשאַפֿט, ווי מיר ווען דאָס נאָך שפּעטער בעווייזען, און אַלץ צו וואָס עס שטרעבט דער פּראָלעטאַריאַט און זיין ריכטיג פֿערשטאַנענעם קלאַססען-אינטערעס איז אויך נוצליך פֿון געזעלשאַפֿטליכען שטאַנדפּונקט. דער ענדליכער נצחון פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער געזעלשאַפֿט איז דעריבער פֿערזיכערט און ווי ווייט דער נצחון זאָל ניט זיין, וועגען דעם קען מען מער ניט בויען נאָר אַלגעמיינע סברות, — אָבער זיין געזעלשאַפֿטליכער אידעאַל האָט שיין זייער איין מעכטיגע ווירקונג אויף די געזעלשאַפֿטליכע ענטוויקלונג.

דאָס איז דער איינציגער געזעלשאַפֿטליכער אידעאַל, וואָס מען קען זיך נאָך פֿאָרשטעלען צוגלייך מיט דעם פעאדאלען און ליבעראלקאַפּיטאַליסטישען אידעאַלען. די בעסטע ראיה, אז קיין אַנדער אידעאַל חוץ די צוויי אויבען דערמאָנטע, זיינען ניט ענטשטאנען. ער איז אויך דער איינציגער וואָס איז מעג-ליך אָהן דעם קאַפּיטאַליסטישען: ער גיט די איינציגע מעגליכקייט ווייטער זיך צו ענטוויקלען דער געזעלשאַפֿט. דאָרט, וואו די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם ווערט קאָנסערוואַטיוו און שטערט דעם ווייטערדיגען געזעלשאַפֿטליכען ענט-וויקלונג. ער ווייזט אָן אויף די פּראָדוקציאָנס אופנים, וואָס מוזען ווערען אומעטום, וואו די צונויפֿגעזאַמעלטע קאַפּיטאַלען שאַפֿען פּריוואַט מאָנאָפּאָלען וואָס זייער איבערגאַנג צו דער געזעלשאַפֿטליכער פֿערוואַלטונג איז אונפֿערמייד-ליך, אויב די גאַנצע געזעלשאַפֿט וויל ניט ווערען איין פילקעלע אין די הענד פֿון איינינע גרופּען קאַפּיטאַליסטען, וואָס קענען איהר אומעטום וואַרפֿען.

פֿון צווייטען זייט רעכענט זיך דער סאָציאַליסטישער אידעאַל אויף איין [illegible]שער געזעלשאַפֿט און איז פֿון איהר דער המשך. עס איז אונמעג-

ליך פון דער פעדעראלער צייט גלייך אריבערצוגיין צו דעם סאָציאַליזמוס. דעריבער בנוגע צום פעדעראליזמוס האַלטען די סאָציאַליסטישע פאַרטייען שטענדיג אונטער די ליבעראלע קאַפּיטאַליסטישע פאַרטייען אומעטום, וואו די לעצטע ברייגען דעם געזעלשאַפטליכען פּראָגרעסס.

דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, אזוי ווי אויך דער קלאסען-קאַמפף פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין אָנהויב פון די סאָציאַליסטישע און פּראָלעטאַרישע ביוועגונג, אלאנגע צייט פאַר דעם, ווי די עררייכונג פון דעם אידעאַל דערגייט ביז איין ממשות'דיגע נאָהענטקייט, ווערט ער שוין איין מעכטיגע בעוועגענדע קראַפט אין יעדער געזעלשאַפטליכען פּראָגרעסס. פון אָנהויב אָן ווירקט ער שוין שטאַרקער, ווי דער ליבעראַליזמוס, ווייל ער ווערט ניט פערשמעלט מיט חשבונות וועגען ריוח און ווייל זיין ציעל איז איין ווייטערע; זיין געזעלשאַפטליכער קוק איז דעריבער איין ברייטערער.

ביי היינטיגען טאָג זיינען מיר שוין אַוועק אַזוי ווייט, אַז דער סאָציאַליזמוס און דער פּראָלעטאַרישער קלאַססען-קאַמפף זיינען ניט נאָר געוואָרען די מעכטיגסטע ווירקענדע כחות אין דעם געזעלשאַפטליכען פּראָגרעסס, נאָר אויך די איינציגע בעוואוסטזיניגע כחות. דער וואַהלקאַמפף, וואָס קומט יעצט פאָר[1]) בעווייזט קלאָר, אַז די הערשענדע קלאַססען, ווי פיינדליך זיי זאָלען ניט זיין צווישען זיך, זיינען אָבער יד אחת אין איין זאַך: אין זייער פערעקלונג צו וועלכען עס איז ווייטערדיגען וויכטיגען ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און דעריבער זיינען זיי אלע איינס אויף ארויסצוטרעטען געגען דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געגען די איינציגע פּאַרטיי, וואָס טראָגט איין גרויסען אידעאַל פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג און וואָס קעמפפט פאַר איהם.

אָבער אויב די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז געוואָרען די איינציגע פּאַרטיי, וואָס קעמפפט נאָך פיר דעם פאָרטשריט פון דער געזעלשאַפט, דאַרף זי אויך אין דער זעלבער צייט ווערען די פּאַרטיי פון די אלע, וואָס שטרעבען צו דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. מיר האָבען געזעהן אין צווייטען קאַפּיטעל, ווי אזוי זיינע קלאַססען-אינטערעסען צווינגען דעם פּראָלעטאַריאַט. ווערען איין קעמפפער געגען יעדע עקספּלואַטאַציאָן און אונטערדריקונג; ווי אזוי ער בעגעגענט זיך אויף דעם באָדען מיט אַלע אָרענטליכע, לאָגיש-דענקענדע קעמפפער געגען עקספּלואַטאַציאָן און שפלות, מיט די קעמפּפער, וואָס שטאַמען פון אַנדערע קלאַססען. בכן, זעהן מיר איצטער, אז די פּראָלעטאַרישע קלאַססען-אינטערעסען מאַכען פון דעם פּראָלעטאַריאַט דעם ענטשלאָסענסטען און ביי היינטיגען טאָג כמעט דעם איינציגסטען קעמפפער פאַר דעם פאָרטשריט פון דער געזעלשאַפט. יעדער, וועמען עס איז טייער דער פּראָגרעסס, ווען ער שטאַמט אפילו פון איין אַנדער קלאַסס, שטרעבט צוצושטעהן צו דער פּאַרטיי פון דעם קעמפפענדען פּראָלעטאַריאַט, צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, ווען ער האָט נור די נויטיגע דרייסט און קלאָרקייט. דער עקאָנאָמישער טיעף-דורכדרינגענדער פערשטאַנד, וואָס בעקומט זיך אָדער דורך וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען אָדער דורך די פּראַקטישע ערפאַהרונג, קען ניט ווייניגער, ווי דער דעמאָקראַטישער ראַדיקאַליזמוס און ווי דער שטרעבען נאָך מענשען-ליעבע

[1]) דאס איז געווען אין 1903 יאהר. דער קאמפף, ווי עס איז בעוואוסט האט זיך געענדיגט מיט איין גלענצענדען נצחון פון די סאציאל־דעמאקראטען, וועלכע האבען בעקומען העכער פון 3 מיליאן שטימען און האבען פערגרעסערט די צאהל פון זייערע דעפוטאטען פון 58 ביז 81.

ברייינגען די בורזשואזע עלעמענטען צום סאָציאַליזמוס · אין אפולע פֿאַלען ווירקען די אלע אומשטענדען צוזאמען . אין דער אָנפֿאנג פֿון דער ענטוויקלונג פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע האָבען די לעצטע ביידע בחות בעדארפֿט שפּיעלען די הויפּט ראָליע. די הייסע ארייינגעטהאָנענקייט אין די פּאָליטיקע איז נאָך געווען שטארק ביי דער בורזשואזיע צו יענע צייט; פֿון צווייטען זייט, זיינען די ארבייטער געווען דאן א סך הילפֿסלאָזיגער זייער אָרימקייט איז געווען מעהר פֿון אויבען אויף, ווי איצטער. פֿערקעהרט די לעצטע צייט דארף די ערשטע סבה זיין וויכטיגער פֿיר די בורזשואזיע עלעמענטען, וואָס געהען אריבער צו דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע. אפּולע זאָלען האָבען געעפֿענט די אויגען אזוינע מענשען, וואָס האָבען זיך פֿריהער ניט אינטערעסירט מיט דעם פּראָלעטארישען קלאססענקאמפֿף, און ווייזען זיי, אז היינט איז מעהר ניט דער פּראָלעטאריאט און זיין פּארטיי די פֿאָרשטעהער פֿון די אינטערעסען פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער ענטוויקלונג, און דאָס זיינען די לעבענס-אינטערעסען פֿון דעם כלל, ווייל נור אין ענטוויקלונג איז דער לעבען, זיין אָפּשטעלונג איז דער טויט. די סבות פֿון דעם זיינען געווען דאָס, וואָס אלעמען האָט דורכגעדרונגען דער געדאנק פֿון דער שעדליכקייט און אונפֿייהיגקייט פֿון דער קאַפּיטאליסטישער אָרדנונג; נאָכהער דער קריזיס פֿון די אַכציגער יאָהרען, די ענטוויקלונג פֿון קארטעלען און טראסטען, די משוגעת מיט די אָפּצאָהלונגען און ווייטער דער קריזיס.

אלזאָ, אויב איינגע אונזערע געגנער זאָגען, אז די קלאססען-אינטערעסען און די כלל אינטערעסען ווידערשפּרעכען איינע די אנדערע, איז דאס ביי היינטיגע צייט מעהר ניט געזאָגט וועגען די בורזשואזע פּארטייען און קלאססען. דאס איז אָבער ניט ריכטיג בנוגע צום פּראָלעטאריאט און צו דער סאָציאַל דעמאָקראטיע.

איינגע אונזערע געגנער, פֿון צווייטען זייט, ווילען זעהן איין ווידערשפּרוך, אין דעם, וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראטיע, זייענדיג די פּארטיי פֿון דעם פּראָלעטארישען קלאססען-קאמפֿף, ענטהאלט פֿונדעסטוועגען אין איהרע רייהען איינגע בורזשואזע מיטגליעדער. דאָס בעווייזט מעהר ניט, אז די הערן האָבען אפילו קיין בעגריף ניט וועגען די בעזונדערהייטען פֿון דעם פּראָלעטארישען קלאססען-אינטערעס, פֿון דעם ווירקונג פֿון דער וויסענשאַפֿטליכער ערקענטניס, פֿון סאָציאַלע געפֿיהלען פֿון דעם דעמאָקראטישען פּאלגלייכען דענקען. זיי פֿערגעסען, אז מען קען אָפּלייקענען די סאָלידאריטעט פֿון די קלאססען און אין דערזעלבער צייט ערקענען די סאָלידאריטעט צווישען די מענשען. גרויסע געזעלשאַפֿטליכע אומגליקען, וואָס רייבען אָב אויף אוויילע די קלאססען פֿערשיעדענהייטען, ווי למשל עפּידעמיען, צווינגען אפילו דעם הארטסטען בורזשוא צו ערקענען די סאָלידאריטעט צווישען די מענשען, דעם אָנבעהאנג צווישען דעם וואוילשטאנד פֿון איין פּערזאָן מיט די איבעריגע. אָבער אין דעם געוויינליכען לעבען ווערט די סאָלידאריטעט פֿערשטיקט דורך דעם בעוואוסטזיין פֿון קלאַססען-געגענזאַץ דורך די שטרעבונג צו עקספּלואַטירען מענשען. נור דער פּראָלעטאַריאַט בעשאַפֿט דער ערשטער דעם אידעאַל, וועלכער וויל איבערלאָזען נור איין גרויסען קוואַל פֿון הכנסה, די פּראַצע; וועלכער ...ינט דעם ריוח און די רענטע. ער מאַכט איי איין צייט א סוף צו

די קלאססען און צו דעם קאָנטראַסט צווישען זיי, און אַנשטאָט דעם קלאַססען-קאַמפף ערקלערט ער אחדות אין דער מענשהייט.

דאָס איז דער ענדציעל פֿון דעם קלאַססען-קאַמפף, וועלכען עס פֿיהרט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אַלס איין פֿאָרשטעהערין פֿון דעם פּראָדעטאַריאַט'ס קלאַססען אינטערעסען, ווערט זי במילא דיא פֿאָרשטעהערין פֿון די העכסטע און אַלגעמיינע אינטערעסען פֿון דער מענשהייט.